UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Khesbn No. 38-39, September 1964 - Entire Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/5x16h35t

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 38-39(1)

Publication Date
1964

Copyright Information
Copyright 1964 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

טאָפּל **38-39** נומער

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



אַרויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער ייִדישער קולטור קלוב
און
שרייבער קרייז בײַם זשורנאַל „חשבון"

תשרי, ה'תשכ"ה — סעפּטעמבער, 1964

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

# אינהאַלט


א. כץ: „אין אַלץ איז דאָ אַ ליד" (פּראָלאָג) . . . . . . . . . 3

חיים באַרקאַן: „מיין תּפילה" (ליד) . . . . . . . . . . 4

משה גיציס: דער דיכטער מאַטעס דייטש (אָפּשאַצונג) . . . . . . 5

פּינשטע בערמאַן: „וואו זיינען פון האַרץ דיגעזאַנגען"; „איך וועל קומען" . 11

משה עטינגער: „אין אייביקן רייסטער" (ליד) . . . . . . . . 12

יהושע גרינהאָף: „אַ לעבנס־שפּיל" (ליד) . . . . . . . . . 12

י. פרידלאַנד: „נאָכן שטורעם" (איינאַקטער אין צוויי בילדער) . . . . 13

יצחק רייזמאַן: „העטאָר דיאַס דאַ פּאַז" (היסטאָריאָגראַפיש) . . . . . 22

דוד ראַפּאָפּאָרט: „צוויי" (ליד) . . . . . . . . . . . 23

מאַטעס דייטש: עסייאיסטישער דיבור . . . . . . . . . 24

ז. בונין: „מיינע פיר סעזאָנען" (ליד) . . . . . . . . . . 27

נח גאָלדבערג: „עמאַליטאַ שפּינט אַ נעץ (פראַגמענט פון „ווילד־גראָז") . 28

יהושע ריווין: „אַ חלום"; „לעבן"; „וואוהין" (דריי לידער) . . . . . 32

יצחק ניומאַן: „הורדוס המלך" (היסטאָרישע שטודיע) . . . . . . 33

שמעון וואוזעק: „דער וואָגלער" (ליד) . . . . . . . . . . 37

לאָטי פ. מלאך: „דער רבי אָן אַ קאַנטשיק" (דערציילונג) . . . . . 38

חנה בושעל־סאָלאָוו: „דער דיכטער" (ליד) . . . . . . . . . 44

ליליען האַמער: „אַ צאַפּל און אַ פאַל" (ליד) . . . . . . . . . 44

יצחקי: „מחשבות בקול" (מכוח אונדזער יידישער יוגנט) . . . . . . 45

א. כראַבאַלאָווסקי: צווישן צייטונגען און זשורנאַלן . . . . . . . 48

ל. שוואַרץ; דוד ראַפּאָפּאָרט; צבי שטאָק: בריוו אין רעדאַקציע . . . . 51

א. באַביטש: „פעדער־שפּריצן" . . . . . . . . . . . . 54

ליטעראַרישע נאָטיצן און קולטור כראָניק . . . . . . . . . 55

אַריינגעקומענע ביכער און זשורנאַלן אין דער רעדאַקציע . . . . . . 59

ל. א. יידישער קולטור קלוב אָפּשלוס פון 38טן זמן . . . . . . . . 63

רשימה פון ליטעראַרישע שבת־צונאַכטסן . . . . . . . . . 6(

באַגריסונגען און ביישטייערונגען . . . . . . . . . . . 69־ת7


---


# "HESHBON"

*Quarterly Review of Literary and Cultural Activities*

**I. Friedland, *Editor***

4375 Sunset Drive — Los Angeles 27, Calif.

וועגן רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צום רעדאַקטאָר.

מכוח אַבאָנירן אָדער באַנייאונג פון אייער אַבאָנימענט, ווענדט זיך צום סעקרעטאַר:

Mattes Deitch - 420 So. Cloverdale Ave. - Los Angeles 36, Calif.

---

PRINTED BY
SCHWARTZ PRINTING CO.
100

# חשבון

פערטל-יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור פּראָבלעמען

י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר — מאַטעס דייטש, סעקרעטאַר

11טער יאָרגאַנג, נומ. 39-38 • תשרי תשכ"ה, סעפּט. 1964 • לאָס אַנגעלעס



**אלף כץ**


## אין אַלץ איז דאָ אַ ליד

### פּראָלאָג*)

אין אַלץ איז דאָ אַ ליד, וואָס וויל געזונגען ווערן —
אין בלעטל פון אַ בוים, אין פינקל פון די שטערן,
אפילו אין אַ שווייגנדיקן שטיין,
וואָס ליגט מיט אַ פאַרגליווערטן געוויין.

אפילו אין די קנייטשן פון אַ טייך אַ מידן,
אַוודאי אין די כוואַליעס פון דעם ים וואָס זידן,
איז דאָ אַ ליד, וואָס זוכט אין וואָרט אַ היים,
ווי פורעם זוכט אין טעפּערס האַנט די ליים.

נאָך מער איז דאָ אַ ליד אין יעדן וואָרט באַזונדער,
נאָר שלאָגן שלאָגט אַרויס דערפון דער קלאַנג פון וואונדער,
ווען וואָרט אין וואָרט ווערט אַנגעשאַרפט און גליט,
צינדט אָן דעם קנויט פון האַרץ מיט נס וואָס ברית.

און ווען דער נס געשעט און ווען דאָס האַרץ טוט בריען,
עס כאַפּט זיך דאַרטן אויף און גרייט זיך זינגען, פליען,
דער אומעטיקער פויגל אין מיין שטייג
און וויל זיין אומעט זינגען, נאָר ער שווייגט.

---

*) צו דער דערשיינונג פון דעם מחברס נייעסטן בוך לידער: „די אמתע חתונה" דרוקן מיר איבער דעם פּראָלאָג פון בוך. (רעד.)

ער קוקט אויף מיר מיט שטומע אומעטיקע בליקן —
צי וועט ער זיך אַמאָל דערוואַרטן אויף אַ תּיקון,
ווען וואָרט אין וואָרט אַ גלי טאָן וועט דעם קלאַנג,
מסוגל פאַר זיין ווייַנענדיק געזאַנג.

אין אַלץ איז דאָ אַ ליד, וואָס וויל געזונגען ווערן,
און יעדער וויל אַרויסדערציילן זיינע טרערן —
ער זאָל ביים סוף פון טאָג ווען ער איז מיד,
ניט בלייבן מיט זיין טרערנדיקן ליד.

---

**ח. באַרקאַן**

## מיין תפילה

איך בעט פאַר דער וועלט, ס'איז דער קוואַל פון מיין ליד:
זאָל דער מאָרגן זיין ליכטיקער, פרישער;
איך שטיי מיט אַ פשוטער תפילה אין געמיט,
ווי ביים טייך דער אָרעמער פישער.

כ'האָב מורא, איך בין אַזוי קליין און מיזערנע —
וועט מיין תפילה צום הימל דערגיין?
אפשר איז מיין וועג אויך צום הימל מיט דערנער,
ווי אין ערדישן טאָל — מיט שטיין?

אַמאָל האָט אַ שטערן געשיינט אין מיין פענצטער,
אַריינגעבראַכט ברכה פון אויבן;
האָב איך געזאָגט, אַז דאָס, כאָטש איך מעג זיין דער קלענסטער,
איז אַ ליכטיקע בשורה צו מיינע שויבן.

נאָר איך שפּאַן נאָך היינט אויפן וועג פול מיט שטרויכל,
און עס שווערט אויף די פּלייצעס דער עול;
איך פאַל איבער שטיינער, און בין אַלעמען מוחל,
און מיין תפילה איז ריין ווי אַמאָל.

כ'בעט אַלץ פאַר דער וועלט, וואָס בענקט אין מיין ליד:
ווען שיינט-אויף דער פרימאָרגן, דער פרישער?
איך שטיי מיט מיין פשוטן ליד אין געמיט,
ווי ביים טייך דער אָרעמער פישער.

משה גיציס

# דער דיכטער מאַטעס דייטש

(אין רעטראָספעקט פון זיין שאַפן)

ווען אַ דיכטער גיט אַרויס זיין זעקסטן בוך, איז שוין זיין דיכטערישע פיזיאָנאָמיע, זיין דיכטעריש געשטאַלט, אויסגעפורעמט און פאַרענדיקט; איז שרייבן וועגן זיינעם אַ ניי בוך לידער, ווי וועגן אַ ניי־אַנטפלעקטער דיכטערישער דערשיינונג, אפילו ווען דאָס בוך פירט אים מיט שטאַפלען העכער צו רעלאַטיווער פאָלקאָמענקייט, וואָלט געמיינט בלויז קאָפירן די אויפגענומענע און איינגעשטעלטע אימפרעסיעס וועגן דעם דיכטער.

אַ דיכטער ווי מאַטעס דייטש קאָן מען שוין נעמען באַטראַכטן ווי אַ פיקסירט דיכטעריש געשטאַלט און זיין קומען מיט אַ נייעם בוך לידער אַנטפלעקט ניט קיין נייע שטריכן — דינע צי טיפע — אפילו ווען ער ברענגט אונדז לידער מיט נייע וואַריאַציעס, לידער וואָס ווייזן אויס צו זיין ניי, ניי מיט זייער אינהאַלט, צי ניי מיט זייער ריטעם, מיט די שטימונגען וואָס זיי ווייען אָן. וואָרן לידער ביי דעם שאַפנדן דיכטער זיינען אָפט ווי כוואַליעס — איין כוואַליע פאַרפלייצט די צווייטע און די צווייטע ווערט גלייך פאַרפלייצט פון אַ דריטער, פון אַ פערטער אַד אינפיניטום. און עס ווערט ווי אין ים איבערגעשאַפן פון זיך אַליין דערזעלבער רויש, דער זעלבער קרעכץ, דער זעלבער שוים, די זעלבע טיפקייט; אַלץ דאָס זעלבע און דאָך ניט דאָס זעלבע; עס זיינען וואַריאַציעס איבער וואַריאַציעס און דאָך ניי־געבוירענע, ערשט געבוירענע און שוין פאַרגייענדיקע שאַטירונגען, ניואַנסן, קלאַנגען אין אייביקן מיסטיציזם פון ים — פאָעזיע.

דער דאָזיקער „געזעץ" איז כמעט אַן אַקסיאָמאַלער און איז אָנגעמאָסטן אויף יעדן דיכטער, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, (ניט אַזוי פיל אויף פראָזאַאיקער און דראַמאַטורגן). דערפאַר ווייזן אונדז אויס זיינע נייע לידער, „צום נאָענטסטן שטערן—יידיש", נאָענט און באַקאַנט. נאָענט און באַקאַנט אויך צוליב דעם וואָס אין בוך גייען אַריין לידער—זיין אָפקלייב—כמעט פערציק יאָר פון דיכטערס שאַפן.

דער נאָמען פון בוך: צום נאָענטסטן שטערן" שלאָגט ווילנדיק ניט ווילנדיק אָן דורך דער אַסאָסיאַציע פון וואָרט „שטערן" אויף דעם גוט באַקאַנטן דיכטערישן אויסדריק: „פער אַספּעראַ אַד אַסטרא." און עס איז ניט בלויז די אַסאָסיאַציע וואָס קומט פון וואָרט ש ט ע ר ן — עס איז אויך דער וועג, דער דיכטערישער וועג פון מאַטעס דייטש — פער אַספעראַ! דורך די צוויטיקטע טעג און יאָרן; גאַנצע פערציק יאָר אויף דעם וועג „צו דעם נאָענטסטן שטערן—יידיש."

דער עיקר? טאַקע — יידיש!

אַז מ'וויל, איז דאָס געווען, און עס איז, אַ וועג ניט נאָר אַ צעוויטיקטער, נאָר אויך אַ דערהייבנדיקער; אַ וועג מיט פרייד, וואָס קומט דורך דעם געניוס און דורך דעם פלאַם פון שאַפונג; דורך דער ענגער פאַרבינדונג מיט דיכטער־ברידער וועגן וועלכע ער רעדט אַזוי אָפט; אויך דורך דעם געניוס וואָס „מאַנדלברויט יידיש" האָט אים געבראַכט דורך די יאָרן פון דיכטערישער און אויך עסייאיסטישער שאַפונג. וואָרן ווען מיר זאָלן עפענען בלויז דאָס בוך „צום נאָענטסטן שטערן—יידיש"

און אַ בלעטער טון די לידער, וועלן מיר זיך גלייך אָנשטויסן אויף צענדליקער לידער אין וועלכע ער רעדט וועגן די אַזוי־גאָענטע צו אים „פּאָעטישע געשטאַלטן." און וועגן דעם „שבט יידיש" און וועגן זיין „פּאָעטיש־וואָרטיש־ווערטיש." ס'איז דיכטונג מיט וועלכער ער אָטעמט זיין גאַנץ לעבן.

ווען עס טרעפט אָבער אַז אַ קריטיקער אָדער רעצענזאַנט שטעלן זיך אָפּ אויף זיין הויפּטשטריך — זיין פּאַרליבטקייט אין יידיש, צי אויף זיין אַקראָבאַטיק מיטן יידיש־וואָרט, און זיי קוקן ניט אַריין טיפער אין מ"ד'ס דיכטערישן וועלט־באַנעם, מאַכן זיי אַ גרויסן טעות. יידיש, ווי זיין לייטמאָטיוו הערט זיך טאַקע אָפּט און ווידערהאָלט זיך זייער אָפט אין דער סימפאָניע פון מ"ד. דיכטערישן שאַפן — קאָן אָבער דער לייטמאָטיוו ניט פאַרדעקן די טיפקייט פון וואַנען עס קומען די טענער; אויך ניט דעם דיכטערס פילאָסאָפישן בליק אויפן לעבן, און אַוודאי ניט די ספּעציפיש מענטשלעכע פּראָבלעמען וואָס בילדן ביי דייטשן די גרויסע פרעג־צייכנס וועלכע ער שטעלט אַוועק אויף דעם שיידוועג, וואו עס באַגעגענען זיך זיין גאָט און זיין מענטש — דער מענטש? אייגנטלעך— ער אַליין.

יאָ, דייטש רעדט און שרייט אָפּט מאָנענדיק אַן ענטפער אויף די לעבנס פּאַראַדאָקסן, ווייל אַליין אַ וועגעטאַריער, ווערט ער, דער בשר ודם, דער דיכטער פון צער־בעלי־חיים. „מענטש—בלוט און מילך." איינע פון זיינע שענצטע פּאָעמעס (צוליב דער אַרכיטעקטאָניק און מוזיקאַלישער אָרקעסטראַציע). די פּאָעמע געפינט זיך אין זיין בוך „צווישן ימען און פלאַמען." אַ שאָד וואָס ער האָט די פּאָעמע ניט אַריינגענומען אין זיין אָפּקלייב־בוך.

דייטש רעדט, מאָנט און טענהט ווי אַ פּראָבלעמאַטישער ייד, הינטער וועמען עס שטייט די יידישע טראַדיציע און מאַרטירערשאַפט; ער לאָזט זיך אָפּט אַריין אין דער מיסטעריע „אין ראַם פון טויט." און אויב דו געפינסט ניט די לאָגיש־אויסגעאָסענע רויקייט אויף דעם וועג פון דעם פּאַטאַלן סוף אין דעם צונויפגוס מיט די עלעמענטן; נעמט ער גאָר די סעריע לידער: „מורמלענישן פון הימלשן טויט" פון וואָלט וויטמאַן און איבערזעצט זיי, איבערדיכטעט זיי אין יידיש.

דייטש איז ניט נאָר דער פּאָעט וואָס וויל באַווייזן זיין ווירטואָזיטעט אין שפּראַך; ער איז דער פּאָעט מיט אַ וואונדערבאַרן יידיש־אינסטרומענט וואָס איז ענג פאַרבונדן און איז אַ טייל פון אַלע קונסט־צווייגן; צי ס'איז מוזיק, מאָלעריי, צי טאַנץ. זיין מוח איז ניט פאַרשלאָסן ווען עס קומט צו דער עקספּרעסיע פון עסטעטיק און אירע פאַרשיידענע דערשיינונגען. מיר געפינען דעריבער ביי אים לידער געווידמעט צו אַ גרויסן טיפּאַזש געשטאַלטן אפילו פיקטיווע, געשטאַלטן פון דער ליטעראַטור און קונסט.

דאָן קיכאָט, מאָנאַ ליזאַ, דער מענטש אין איילפאַרב, דער פּאָעט אויפן בילד, דער מענטש ישעיה, דניאל, יעקב ראַנגלט זיך ווידער מיט אַ מלאך, רבי לוי יצחק, שרה בת טובים, פרץ, ברוך שפּינאָזאַ, שבתי צבי, יאָסעלע ראָזענבלאָט זינגט, תחינה־יידיש, גאָט מאָלט דעקאָראַציעס ביים פּאַסיפיק, סוזי קעין רויכערט אַ ציגאַרעטל, וואָלט וויטמאַן, זשיטלאָווסקי, פלאָם פון מיין שטאָם — אַזוי פיל־צאָליק זיינען ביי אים די געשטאַלטן און די מאָטיוון וואָס נאָר זיין בוך האָט עס

געקאַנט אַריינוואָרצלען אין זיך ביז ס'איז טאַקע אַזוינאַך אויסגעוואַקסן פון זיי: „צום נאָענטסטן שטערן—יידיש".

אמת, דער דיכטער מוז אַזעלכע געשטאַלטן און וויזיעס אַרום די געשטאַלטן, מיטלעבן און טראָגן אין זיך נישט נאָר צוליב דער קונסט פון פלעכטן סאָנעטן, טריאָלעטן צי סעפּטעטן, נאָר עס באַווייזט אַז ער האָט אין זיך אַריינגעזאַפּט די אייביק-ליבנדיקע, הערלעכע אַטריבוטן פון עטיק און עסטעטיק. דאָס שטרייכט אונטער אַז ער לעבט ניט אין בלויזע ספערן פון אַבסטראַקציעס; ניין, ער איז מאַטעס בשר ודם, וואָס האָט אַן אויג, אַן אויער, דערהויפּט דאָס לשון פאַרן טאָג־טעגלעכן, פשוט־מענטשלעכן וואָס איז אַרום אים אויכעט; רעאַגירט ער דערויף זייער אָפט „סאַטיריש־ליריש", „ערדענע שיסלען", „ירושהדיק פייער" און „כוואַליעס פון אייביקע שטיגן." אַזוי טעמאַטיש איז ער אין פילע לידער פון זיינע פריערדיקע ווערק.

עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר קומט אויס צו שרייבן וועגן מ. ד. איך האָב פּרובירט אַריינטראַכטן זיך און אויפנעמען די אימפּרעסיעס און רעפלעקציעס פון מ"ד'ס שאַפן נאָך מיט זעכצן יאָר צוריק. און עס גלוסט זיך מיר ווידער אַ קוק טאָן צוריקוועגס, כדי אויפמישן די בלעטלעך מיט די אימפּרעסיעס פון יענער צייט, וועלכע זיינען אויך איצטער אומצעטיילט און גאַנץ; דער זעלביקער תוך, די זעלביקע פּראָבלעמאַטיק וואָס ער האָט שוין געטראָגן מיט זיך אין די ערשטע טריט פון זיין גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור.

אַזוי איז ער אין זיין גאַנג:

ער לעבט „אינעם לאַנד פון די יענקיס", פאַרשטייט זיך אַז ער זעט אַמעריקע טים אירע פּריירים, פאַבריקן און איר ציוויליזאַציע פון כל טוב און אויך פון כלערליי ווידערשפּרוכן.

מ.ד. איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער ספּעציפישער אַמעריקאַנער טעמפּאָ; האָט ער איבערגעזעצט וואָלט וויטמאַן און איז געוואָרן אַ חסיד פון קאַרל סאַנדבורג; ער האָט איבערגעזעצט אַ היפּשע צאָל פון זיינע לידער וואָס האָבן אויף אים משפּיע געווען אַזוי אַז ער זעט אין דער זעלבער פּריזמע, אַוודאי דורך זיין אייגענער אָבזערוואַציע. און אין אָט־דעם מאַנער גיט ער אונדז די פּייזאַזשן און דעם קאָלאָריט פון די גרויס־שטעט, זייער קלאַנג און פּאַנאָראַמעס; ווי אין די לידער „באַנגלאַקן, ראַש, דאָס געוויין פון מיינע פאַרפּיילטע נעגל," און אין זיין וואָלט דיזני'מעסיקער, אָריגינעלער פּאָעמע, „מיקי מויז."

דייטש מאַכט דעם איינדרוק אַז ער רעדט, דערלאַנגט לשון מיט אַ „ווערד". דאָס איז דערפאַר ווייל ער טענהט צום מענטשן און צו גאָט; נאָר ווען ער טענהט איז ער מיליטאַנטיש; עס שרעקט אים ניט אָפּ דאָס וואָרט און ניט דער געדאַנק ווען ער וויל קומען מיט זיין אמת צום מענטש און צו דער מענטשהייט בכלל. און כאָטש ער האָט די העכסטע באַציאונג צום וואָרט, איז ער אָבער ניט איבערקלייבעריש און ער באַנוצט זיך מיט דעם ווי מיט אַ שווערד, אַ פען־שווערד וואָס איז איינגעטונקען אין סאַרקאַזם — ניט דער גאַליקער סאַרקאַזם אַלאַ משה לייב האַלפּערין, נאָר מיט אַן אייגענעם אָפּלאַכערישן סאַרקאַזם.

דייטש איז קיינמאָל ניט רויִק; (אפשר בלויז אין דער פּאָעמע „אָקטאָבערדיק וואַלד"). ער רעדט מיט פייער, אָפט קריגעריש אפילו; ער ווייסט אַז ער וועט

ניט איבערשרייען די אומגערעכטיקייט פון דער וועלט. ווייל ער אָבער ניט איבערשווייגן זי; ער וויל און ער פּרובירט אַריינצודרינגען אין איר, אַזוי אויך בנוגע דעם מענטשנס פּסיכיק — ער וויל אים זעען אַ בעסערן, אַ שענערן.

אַמאָל, ווען ער ווענדט זיך צום יוזיל, פילט זיך ניט דער דרך־ארץ פאַר דעם מענטשן אָדער פאַר דער לעגענדע וועגן דעם „זון פון גאָט". די דאָזיקע באַציאונג זעט אויס האָט ער איינגעזויגן מיטן טעם פון יידישער מאַרטירערשאַפט אין דעם גאַנג פון בלוטיקע דורות.

אָבער, אויב ער האָט ניט קיין דרך־ארץ פאַרן „מענטש־גאָט" יעזוסן, האָט ער אָבער אַ באַציאונג צום יידישן סימבאָל־גאָט. ניט קיין פאַרפרומטע, נאָר אַ מענטשלעכע באַציאונג. ער רעדט צו אים אין זיין אייגענעם נאָמען, צי אין נאָמען פון רבי לוי יצחק, וואָס רעדט ווי אַ מענטש צו מענטש. ער ווייסט אַז זיין גאָט איז ניט קיין הוילער מלא רחמים־גאָט; ער איז פּונקט ווי דער מענטש גופא — שלעכט ווי ער, קלוג און נאַריש ווי ער; פּונקט אַזאַ צדיק און רשע ווי דער מענטש.

דערפאַר טאַקע באַקלאָגט ער זיך ניט פאַר גאָט.

„דאָס וואָרט גאָט איז מיר שווער צו זאָגן", אַזוי רופט ער אויס אין איינער פון זיינע פּאָעמעס; ער מוז אָבער אים אָנרופן ביים פאָלקס־נאָמען גאָט. ער מוז האָבן דעם סימבאָל, כדי צו קאָנען מיט אים דעבאַטירן, פילאָזאָפירן און שפּאַלטן די טעמנע פּראָבלעמען פון לעבן מיט וועלכע דייטש איז באַשווערט פון זיי. נעמט ער אים, דעם גאָט זיינעם, און פירט אים ווי מען פירט אַ באַלעבאָס איבער זיינע קאָלאָסאַלע פאַרמעגנס וועלכע פאַרשטעלן אים דעם אמת, דעם פאַקט אַז עפּעס איז ניט מיט אַלעמען אין זיין באַלעבאַטישקייט, ער איז ערגעץ דורכ־געפאַלן, דער אַל־באַשאַפער. פירט אים מאַטעס אין געריכט, אין די שעכט־הייזער, אויף די שלאַכטפעלדער און אפילו אינעם זאָאָלאָגישן גאָרטן אַריין צו כאַפּן אַ קוק אויף די באַשעפענישן. ער וויזט אים די פאַראַדאָקסן און די טראַגי־קאָמעדיעס פונעם איינגעשטייגטן לעבן צווישן די גראַטעס, וואו יעדע חיה איז מיט איר גיר פאַרטייעט סיי אין בענקשאַפט און סיי מיט אירע ליידנשאַפטן. „בלויז די שלאַנג איז איינגעדרייט בייגלדיק; זי ליגט רואיק און כיטרע קליגע־ריש. זי איינע ווייסט דעם סוד פון זייער אַלעמענס געמיינשאַפט."

נאָר די מאַלפּעס, די גרויסע אַפּן, זיינען אומבאַהאָלפן אין זייער ליידנשאַפט. זיי שעמען זיך ניט פאַרן מענטשן מיט זייערע עראָטישע טואונגען. דער מענטש לאַכט, און גאָט וואָס גייט מיט מיטן דיכטער אין דער „זו" לאַכט אויך מיט... דאָס לעבן הינטער די שטייגן איז טראַגי־קאָמיש־סתירהדיק און מאַטעס וויל דערגיין ביי גאָט און ביי זיך דעם זין און אומזין, דעם סוד פונעם לעבנס־גורל; דעם מענטשלעכן גורל בפרט.

דאָס איז דער לייטמאָטיוו אין כמעט אַלע מ"ד'ס שאַפונגען: גורל פון באַשאַף, גורל פון מענטש, דער זין פון באַשאַף, די טראַגעדיע פונעם פאַטאַליסטישן סדר־העולם.

נאָר אין זיין דיכטערישער פאַרצווייפלקייט, אין דעם געראַנגל צו באַפרייען זיין מוח און זיין האַרץ פון די פאַרקלעמטע פּראָבלעמען, די שטורעמדיקע ליידנ־שאַפטן, איז ער ניט בכוח איינצוהאַלטן די זייער כאַראַקטעריסטישע, פאַר דייטשן,

אויסרופן: אָ, מענטש! אָ, גאָט! אָ, דו! אָ, ים! אָ, וואָרט! אָ, לעבן! אָ פּליסיקער, פּיסיקער פלאַם! אַזוי רופט ער אָן די פּאָעמע פון דער „זו״:

און גאָט און איך און אַ סך מענטשן
זיינען געגאַנגען פון שטייג צו שטייג,
הינטער אַ שרפה פון אַלערליי קלאַנגען,
און געזען די טואונגען פון די חיות
און געלאַכט, און געוואונדערט זיך מיט גרויס צער.

אויב דער גורל פון מענטשן איז געווען די ערשטע צוואַנציק יאָר דער לייט־מאָטיוו אין דייטש׳ס שאַפן, האָט דער היטלער־חורבן, וואָס האָט פאַרשניטן אַ דריטל פונעם יידישן פאָלק, און מיט דעם אויך אונטערגעשניטן די וואָרצלען פון דעם לשון־יידיש, האָט אַן אַנדער מאָטיוו געפירט אַז דייטש זאָל זיך צעזינגען און דערהייבן זיין באַליבטן שפּראַך־אינסטרומענט — ס׳איז געוואָרן דער לייט־מאָטיוו אויף אַלע געביטן. אָט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַ צווייטע פּאַזע אין די צווייטע צוואַנציקער פון זיין שאַפן. ס׳איז ביי אים געבוירן געוואָרן „מאַנדל־ברויט־יידיש״ און נאָכדעם: „צום נאָענטסטן שטערן—יידיש.״

דאָס אַלץ איז געזאָגט געוואָרן אין שייכות מיט דעם צעשויבערטן, בונטאַרישן, שטורעמדיקן דייטשן, וואָס גייט פון די יידישע גאַסן צו די פּראָבלעמאַטישע שפּיצן, וואו עס הערשט מאָרד, שיקזאַל, טויט, און חיהש־גײַסטלעכע אינסטינקטן. עס זיינען אָבער אויך דאָ ביי אים מאָמענטן פון מנוחת־חיים; אָט־די זעליקייט קומט צו אים אין זיין ספּיריטיסטישע דערהייבונג, ווען ער דערנעענטערט זיך צו דער אַלמעכטיקער נאַטור; מיט וואַלד, באַרג און ים. (ער האָט שטאַרק ליב דעם ים). עס איז נישט נאָר די מיסטישע קרעפטקייט און טיפקייט פון ים וואָס איבערראַשט אים אין זיין פאַרכאַפּטקייט וואָס פילט אים אָן מיט פאַרכטיקייט; עס איז אַוודאי דער קאָנטראַסט פון דער אומבאַהאָלפנקייט פון דער מענטשנישטיקייט קעגן דעם אַלמעכטיקן כוח וואָס איז שוין ניט דער אַבסטראַקטער גאָט, נאָר די מוראדיקע רעאַלע קראַפט וואָס רעדט ניט, נאָר דרינגט אַריין אין זיין געביין מיט אַן אומבאַגרייפלעכער מיסטעריע וואָס איז שטאַרקער פון דער לאָגיק פונעם מענטשעלע־מענטש . . .

דייטש רעדט וועגן ים און צום ים. לייענענדיק זיינע ים־לידער (ספּעציעל די גרעסערע פּאָעמע „ים רעדט״) זעט מען ערשט ווי דייטש איז פאַרגלויבט אין דערמעגלעכקייט צו נעמען אַ וואָרט־קאָמפּאָזיציע און פירן זי מיט די מעטאָדן פון אַ מוזיקאַליש־סימפאָנישער קאָמפּאָזיציע. ווייל פונקט ווי ביי דעם קאָמפּאָזיטאָר איז דער קלאַנג, אַזוי איז ביי מאָטעסן דאָס וואָרט. און מיט דעם אַטריבוט וואָרט ווערט ער דער וואָרט־ווירטואָז ווי משה נאַדיר, לוצקי, גלאַטשטיין און זייער מין. אַריינצוברענגען נייע ווערטער, נייע אויסדריקן, ניט נאָר צוליב זיין אייגענעם פאַרגעניגן וועגן, נאָר צוליב דער שפּראַך מעגלעכקייט אַליין, וואָס קומט ווי אַ מתנה־אויסדריק צום לשון־יידיש.

זייער ליידנשאַפט איז זיך נאָכצויאָגן נאָך אַ נייעם ניואַנס פון וואָרט, עס דערטאַפּן ביים דופק צי סע לעבט און אויב יאָ, דאָס פאַרשורשן דורך מאַניפּולירן

מיט כל המינים איינפאַלן ביז סע ווערט וואָרטלייביק אינעם לשון ווערליק דער נייקייט.

מיר דאַכט זיך אָבער אַז די אַלע געאַלעגיזמען וואָס זיי האָבן אויסגעפּורעמט פון אַלטן צו נייעם „ליים“, אַט די דאַזיקע לעקסיק איז ווייט ניט פאַרצעמענטירט געוואָרן ווי אַן עיקר אין דער שפּראַך, ניט אין דער פּאָעזיע, ניט אין דער פּראָזע און אַוודאי ניט אין דער פאָלקס־שפּראַך.

אַזוי זע איך, ווי אַ שרייבער פון אונדזער צייט און פונעם זעלבן דור, דעם צושטייער — וואָרט־אינאָוואַציע.

אָבער דאָס איז שוין אַ זייטיקער ענין, כאָטש עס געהער צום איצטיקן אַנאַליז מיינעם וועגן מאָטעס דייטש און זיין דיכטערישן שאַפן.

צום סוף וועל איך לאָזן דעם דיכטערס וואָרט און זיין ליד קומען צום וואָרט:

### מענטש — רויג פון ים

איך גיי יעדן פרימאָרגן לעם ברעג פון ים
מיין אוצר, מיין מזל אָקעגן;
איך ווייס איך וועל מיין אוצר, מסתם
אין ערגעץ ניט געפינען,
מיין מזל קיינמאָל שוין ניט טרעפן —
דאָך גיי איך יעדן פרימאָרגן — אַ פלאַס,
מיין אוצר, מיין מזל אָקעגן;
מיין בענקשאַפט, מיין אומעט —
פעטליעס, ענגע, אָנגעצויגן
מיין טרויער צו שטילן עס טרייבט מיך,
מיין אינערלעך שטורעם, צעפליקטער,
וואָס געטריבן האָבן דורות און דורות
פילמאָליק און אַלמאָליק פאַר מיר —
דורות און דורות פאַרפלויגן...
און דורות, און דורות, און דורות נאָך מיר,
וועט אויך אַט דער אומעט טרייבן,
טרייבן ווי שטראָמען — איינציקע רויגן!

מיט דעם וויל איך פאַרגאַנצן דאָס בילד פונעם דיכטער מאָטעס דייטש. אַזוי אין זיין פּאָעטישן אינהאַלט, אַזוי אין זיין דיכטערישער פּאָרטרעט, זיין דיכטערישע נשמה און זיין באַשווערטע דיכטערישע פּראָבלעמאַטיק, וואָס באַגלייט אונדז פון אַלע זיינע ביכער ביז — „צום נאָענטסטן שטערן — יידיש.“

וו ע ר ט אַ מ י ט ב ו י ע ר א ו ן אַ ן אַ ב אָ נ ע נ ט
פ אַ ר ד ע ם ז ש ו ר נ אַ ל „ ח ש ב ו ן “
אָ פ צ אָ ל 3 ד אָ ל ע ר אַ י אָ ר

**פינטשע בערמאַן**

## וואו זענען פון האַרץ די געזאַנגען ?

וואו זענען פון האַרץ די געזאַנגען,
צעבליטע אין זוניק פאַרטאָגן ?
וואו זענען די שטילע פאַרלאַנגען
פאַר לידער, אויף ווינטן געטראָגן ?

עס קלאַפּט דער פרימאָרגן אין פענצטער
און עס פּאַלט אויף דיר אָן אַזאַ אומעט...
איז דאָס שוין דער לעצטער און שענסטער
וואָס קומט אָן צעשטראַלט און צעזשומעט ?...

וואו זענען די געבענטשטע מינוטן,
וואָס גלעטן דיין זעל און דערהויבן ?
וואו זענען די פייערס אין בלוטן,
וואָס ברענען מיט האָפענונג און גלויבן ?

עס צאַנקען די נאַכטיקע טרוימען...
און עס לעשן זיך פינקלענדע שטערן...
ווי שווער איז צו זיין הינטער צוימען,
ווען טוי פאַלט, מיט לויטערע טרערן...

## איך וועל קומען

קיינער וואַרט ניט אויף מיין קומען,
קיינער וויל ניט מיין געזאַנג,
אויך דער בינ'ס צעפלאַטערט זשומען
האָט קיין עכאָ אין זיין קלאַנג...

נאָר מיך אַרט ניט „ווער און ווען",
איך וועל קומען סיי־ווי־סיי,
ווייל ס'בליט אַ חלום אויף די ברעמען,
און אין האַרצן זינגט דער מאַי.

מיט מיין חלום וועל איך קומען,
אין געדויש פון טוי און צווייט —
אפשר אין דעם וויכערס ברומען
וועט דערהערט זיין אויך מיין ליד...

און אין פּלאַטער פון מיין חלום
איבער ים, און באַרג, און טאָל,
אַ געזאַנג פון ליכט און שלום
וועט אַ ברויז־טאָן אויף אַ קול...

משה עטינגער

# אין אייביקן רייסטער

לייכטע שאָטנס פלעכטן זיך מיט פאַרבן
און פאַלן אויף קעפּ פון דיכטער וואָס שטאַרבן,
זיי ווערן סטרונעס אויף שטייפע האַרפּן
און צעשפּיזן לידער— מיט שטראַליקע שאַרפן.
זיי ווערן זעגלען פון שיפן אויף ימען
און פירן אַ מיטה צעלויכטן אין פלאַמען.

קומען שלוחים די פירער אַנטקעגן,
שלוחים פון קיום — נייגעריק פרעגן:
„ווער איז די מיטה, וואָס צערודערט די ימען?
וואָס טוט באַפליגלען די אייביקע פלאַמען?"

„לידער באַפליגלען מיט שכינה זייער מיינסטער
און פאַרזיגלען זיין נאָמען אין אייביקן רייסטער."

יהושע גרינהאָף

# אַ לעבנס־שפּיל

נאָך שטראַלן זיינע העלע אויגן,
מיט גרוים באַגער און לעבנס־לוסט;
זיין רוקן דאָך איז רונד געבויגן,
און ס'רייסט אַ זיפץ אַרויס פון ברוסט.

נאָך לעבט אין אים זיין יוגנט־שפּיל,
מיט דרייסטן בליק און אויגן באַנג;
אַ טונקלקייט באַדעקט זיין בריל,
און ס'ציטערט שוואַך זיין טראָט אין גאַנג.

ער ציילט ווי שטערן זיינע טעג,
פאַרבליבן נאָך דאָ אויף דער וועלט;
ער ציילט זיי אויף זיין לעצטן וועג,
וואו ס'גרויט שוין אַ שאָטן און פאַרשטעלט.

**י. פרידלאַנד**

# נאָכן שטורעם

## (איין אַקט אין צוויי בילדער)

**פערזאָנען: מאָריסאָן און מאַשאַ, באַלעבאַטים פון הויז; ראַסקין און פרוי ראַסקין; ליפּמאַן און פרוי, בורשטיין און פרוי; ה' זאַלקין און פריילין בלומענטאַל, געסט.**

אַ שיין, גרויס, מעבלירטער זאַל. בילדער אויף די ווענט. אַ גרויסער סטודיאָ פענצטער צום גאָס; אַ שטיינערנער קאַמין, איבער דעם קאַמין צושטעלט כלערליי „בריק־אַ־בראַק". ביי די זייטן ווענט — שטולן, טישלעך מיט לאָמפּן, אַ ראַדיאָ און טעלעווידיע קאַסטן, אַ גרויסע געבעטע סאָפע און אַ וויג־שטול.

אַ כמורנער, וואָלקנדיקער זונטיק פאַרמיטאָג. מאָריסאָן שטייט ביים סטודיאָ־פענצטער, קוקט אַרויס, באַטראַכטנדיק דעם כמורנעם דרויסן, די באַ־שנייטע בערג־שפּיצן אַנטקעגן און די יאָגנדיקע וואָלקנס. מאַשע (זיין פרוי) זיצט באַקוועם איינגענעסטלט אין וויג־שטול, לייענט פאַרטיפט אין אַ בוך.

**מאָריסאָן** (מיטן פנים צום פענצטער): בין איך וואָלט שוין היינט טאַקע צופרידן געווען עס זאָל שוין ווערן עפּעס אַן איבערבייט אין דעם וועטער. (קליינע פויזע): געדענקסט מאַשאַ, די ווינטערן אין דער היים? דער פראָסט ברענט אונטער די פיס; ס'איז אַ מאָדנער אָנגענעמער געפיל... דער אַראָפּ־פאַלנדיקער שניי דערוועקט אין דיר גאָר אַנדערע געפילן, איידער די היגע שטענדיק זוניקע און באַגרינטע ערד... די אַראָפּפאַלנדיקע שנייעלעך זיינען ווי צאַפּלענדיקע, נאָך עפּעס יאָגנדיקע נשמהלעך... די לאַנגע אויסגעצויגענע זומערן דאָ און די תמיד באַגרינטע ערד דערמאָנט דיר ווי אין עפּעס אַן איינגעזעסן, שטיל, רואיק, פּיליסטער, קליינבירגערלעך לעבן... (קליינע פויזע. ער הייבט אָן גיין איבערן צימער און דעקלאַמירט): העי! זאָל היינט רעגענען און שטורעמען, זאָל מבל'ען אָן אַ שיעור... יאָ, איך וואָלט וועלן זען אַן איבערבייט אין וועטער; פונקט ווי איך וואָלט וועלן זען אַן איבערבייט אין מיר און אַרום מיר... אָט זאָל זיין עפּעס אַזוינס, עס זאָל אַ טרייסל טאָן, שאָקירן און צעשטרייען אַביסל דאָס מאָנאָטאָנע נודנע לעבן אונדזערס... (ער גייט נאָכאַמאָל צו צום פענצטער, קוקט אַרויס. מאַשע האָט אין יענעם מאָמענט אָפּגעריסן די אויגן פון בוך און האָט אים צוגעוואָרפן אַ האַלב־איראָנישן שמייכל, און האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין דעם לייענען...)

**מאָריסאָן** (נאָך אַ לענגערע פויזע — אָפּקערנדיק זיך פון פענצטער האָט אַ זאָג געטאָן צו מאַשען): ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן, מאַשע? רוף גאָר אָפּ דעם „באָנטש", די ראַסקינס, די ליפּמאַנס, די בורשטיינס און דעם ה' זאַלקין זאָלן זיי גאָר אַריבערקומען אַהערצוצו; וועט אפשר ווערן פריילעכער אַביסל — ס'איז דאָך אַזוי אומעטיק, פאַרדאַמט זאָל עס ווערן!...

**מאַריסאַן** (אַרומדרייענדיק זיך איבערן צימער, שטעלט ער זיך אָפּ נעבן מאַשען און איז ממשיך זיינע רייד): **ווייסט, מאַשע, אַז אַט דער זאַלקין ווייזט אויס צו זיין אַן אינטערעסאַנטער מענטש! אַזוי מאַכט ער דעם איינדרוק יעדנפאַלס; ניט קיין יונגער בחור אפילו, אָבער עפּעס אַ געזונטע, צאַרטע, איידעלע שיינקייט באַצירט זיין געשטאַלט; ער מוז אַפּנים זיין פאַרמעגלעך, לעבט אַן אייגנאַרטיק לעבן, אַן זאָרג, אָן ווייב און קינד.** (דיפּצט לייכט אָפּ)**: איך בין אים באמת מקנא...** (אַ קליינע פּויזע): **יאָ, אַ מאָדנער מענטש פונדעסטוועגן; ער רעדט דאָך אַזוי זעלטן; שווייגט, שווייגט ס'רוב ווי אַ ספינקס!**

**מאַשאַ** (מאַכנדיק אַ בויג ביי דעם איבערגעלייענטן בלעטל פון בוך, מאַכט עס צו און טוט אַ זאָג צו מאַריסאַנען): **דו ביזט רק מקנא יענעם! יענער לעבט, יענעם איז גוט, יענער ווערט געליבט — אַלץ ביי יענעם! איך ווייס ניט, צי ס'איז דאָ וואָס אים מקנא צו זיין? אפשר טראָגט גאָר אָט־דער זאַלקין עפּעס פאַרבאָרגן אין זיין האַרצן? וואָס ווייסטו? דו זעסט נאָר די אויבערפלאַך פון לעבן, די אויסערלעכקייט זעסטו! מיר געפעלט ער עפּעס גאָרניט, אַ פאַרשלאָסענער מענטש מיט זיבן שלעסער! אַ שווייגער און איז אַרומגעוויקלט עפּעס ווי אין אַ מיסטעריע... אמת איז, זיין שווייגנדיקע אָנוועזנקייט פילט זיך, פונדעסטוועגן שטאַרק צווישן אונדז.** (פּויזע).

**מאַריסאַן**: **נו, וואָס דענקסטו מכוח איינלאַדן אַלעמען אַהערצוצו אויף היינט אָוונט?**

**מאַשאַ** (צופרידן)**: יאָ, ס'איז אַן אידייע; כ'וועל זיי טאַקע תיכף אַלעמען אָפּרופן און איינלאַדן. זאָלן זיי אַלע קומען.** (גייט צו צום פענצטער, באַטראַכט דעם דרויסן)**: אַרויספאָרן היינט וועט מען דאָך איבער דעם דערוואַרטעטן רעגן סיידוי ניט קענען, וועט מען פאַרברענגען אין הויז צוזאַמען...**

**מאַשאַ**: (גייט אָפּ אין צווייטן צימער טעלעפאָנירן. מאַריסאַן גייט אַרום איבערן צימער, ברומט אונטער אַן אומעטיקן ניגון. ער שטעלט זיך אָפּ נעבן וויגשטול, וואו מאַשאַ איז נאָר וואָס געזעסן און געלייענט. נעמט דאָס בוך אין האַנט, לייענט איבער דאָס פאָדערבלעטל מיט אַ ביטולדיקן שמייכל און לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ).

**מאַריסאַן**: **האַ! מע לייענט מאָפּאַסאַנען, דער ליבלינג־שרייבער פון ראָמאַנטישע פרויען!** (עפנט אויף דאָס פאַרבויגענע בלעטל, וואו מאַשע האָט נאָרוואָס געלייענט און לייענט אין זיך)**: „דער זיסער טאָן פון זיין ווייכן קול האָט איר געריירט. אַ צאַפּל איז איר פלוצלינג אַריבער איבער איר גאַנצן לייב און זי האָט אים אויסגעשטעלט אירע סענסועלע ליפּן. אַרונטערבויגנדיק זיך צו אים, ווייל ער האָט זיין קאָפּ אויף אירע בריסט אָנגעשפּאַרט. אַ לאַנגער שטומער קוש האָט זיי געהאַלטן געבונדן; עס האָט געפאָלגט אַ קורצער אָטעמלאָזער קאַמף, און דאַן איז עס געשען... נאָכדעם זיינען זיי געבליבן ליגן פעסט אַרומגענומען"...**

**מאַריסאַן** (האַלט דאָס בוך און רעדט ווי פון אים אַרויס): **אַי, די פרויען, די פרויען! קוויקן זיך מיט די עראָטישע געפילן פון שרייבערס העלדן, לעבן איבער אין פאַנטאַזיע זייערע איבערלעבונגען; ריידן און חלומען פון געליבטע און ליבע אַפּערעס און זיינען אָפט מקנא די גוואַגטקייט פון דער אָדער יענער העלדין**

פון בוך... אַליין אָבער וואָגן זיי נישט, דערשטיקן אין זיך יעדן עראָטישן פאַרלאַנג, און אַן אומשולדיקן קוש צו טאָן אַ פרעמדן מאַנסביל, וועלן זיי נישט וואָגן צו טאָן, ווי שטאַרק זיי זאָלן דאָס ניט וועלן... יאָ, נו, לייענט מען מאָפּאַסאַנען אָדער אַנדערע ווערק פון עראָטישן אינהאַלט און מען צאַפּלט זיך צוזאַמען מיט די איבערלעבונגען פון דעם שרייבערס העלדן... כאַ, כאַ! — אַ זעלבסט באַפרידיקונג פון ניט געזעטיקטע פאַרלאַנגען...

**מאַשאַ** (קומט אַריין פון צווייטן צימער און קוקט פרעגנדיק און מאָדנע אָן מאַריסאָנען): וואָס מאַנאַלאָגירסטו שוין ווידער?... (פויזע): נו, שוין אַלעמען אָפּגערופן און זיי וועלן אַלע קומען. (לאַכט שטיל). הערסט דאָך, די מאַדאַם ראַסקין זאָגט מיר, אַז זי האָט אויך געטראַכט, אַז ס'איז זייער אַ גוטע אידייע אין אַזאַ אָוונט זיך צוזאַמענקומען און פאַרווילן.

**מאַריסאָן** (האַלט נאָך מאַשעס בוך אין האַנט האַלב אָפן, ווי ער וואָלט נאָך־וואָס געלייענט פון אים און איז נאָך אונטערן איינדרוק פון זיינע פריערדיקע רייד און געדאַנקען, און רעדט עפּעס ווי אומפאַרשטענדלעך צו זיך): אַזוי, אַזוי, האָט זי אויך אַזוי געטראַכט? נאָר איר טראַכט און דענקט; פאַרוואָס האָט זי ניט געטאָן?..

**מאַשאַ** (קוקט אים אָן מאָדנע און מיט אַ פאַרוואורף): וואָס האָסטו זיך גענומען צו מיין בוך, וואָס? דו ווייסט דאָך אַז איך לייען אים און וועל אים ביי דיר באַלד צונעמען! (פויזע): כאַפּ זיך בעסער אַראָפּ אין שפּייז־קראָם, איידער עס הייבט אָן צו רעגענען און קויף איין וואָס מען באַדאַרף...

**מאַריסאָן** (לייגט אַוועק דאָס בוך): גוט, נו וואָס דאַרפסטו האָבן?

**מאַשאַ**: נעם פאַרשרייב בעסער, וועסטו נישט פאַרגעסן.

**מאַריסאָן** (נעמט אַ בליישטיפט און אַ קאַרטל און איז גרייט צו פאַרשרייבן): נו, גיב לשון!

**מאַשאַ**: שרייב: נעם אַ דריי מאַרינירטע הערינג, צוויי פּאָמפּערניקלעך, פרישע; אַ פונט פוטער, אַ האַלב פונט מאַסלינעס, אַ פונט צונג; טיי, קאַווע, צוקער, ווייַן, און געבעקס איז דאָ אין שטוב. גיי, איך וועל דערוויל צוראַמען אַביסל, צוגרייטן אַלץ און איבערטאָן זיך. (מאַריסאָן נעמט אַ מאַנטל, הוט און שירעם און גייט אַרויס אין גאַס).

## צווייט בילד

(דער זעלביקער צימער, מערער אויפגעראַמט. ס'איז פינף נאָכמיטאָג. מאַשע גייט אַרום פון אָרט צו אָרט, פאַרעט זיך אַרום שטוב־זאַכן. מאַריסאָן זיצט אינעם געבעטן וויג־שטול, קוקט אַריין אין אַ צייטונג).

**מאַשאַ**: נו, שוין אַלץ פיקס־און־פאַרטיק פאַר דער „פאַרטי“. עפּעס זאַמען זיי זיך אונדזערע געסט. איך האָב מורא אַז איבער דעם רעגן וועלן זיי אפשר שוין ניט קומען? (האַלב פאַרזאָרגט): אַבי אָנגעגרייט אַזויפיל זאַכן...

**מאַריסאָן**: האָב ניט מורא, מאַשע, צו אַ פאַרטי און צו אַ געליבטער לויפט מען ניט נאָר אין וואַסער, נאָר אפילו אין פייער! (לענגערע פויזע. ס'הערט זיך אַ קלינגען אין דער פאָדער־טיר).

**מאַריסאַן:** געוועזן דערמאָנען משיחן! מ'קומט שוין, מ'קומט שוין! וואָס האָב איך דיר געזאָגט? (ער לאָזט זיך צום טיר עפענען. ס'באַווייזן זיך די ליפּמאַנס און די ראַסקינס, אַביסל פאַרנעצט פון רעגן): האַלאָ, ליפּמאַן! האַלאָ, ראַסקין! (דריקן זיך די הענט).

**מאַשאַ** (כאַפּט זיך אַרום מיט די דאַמען. ריידן אַלע צוזאַמען): האַלאָ, האַלאָ, וואָס זאָגט איר ניט צום פּלוצלינגען רעגן? (מאַריסאַן נעמט צו די מאַנטלען און די קאַפּעלושן ביי די מאַנסבילן און טראָגט אַריין אין אַ צווייטן צימער; מאַשאַ מיט די דאַמען גייען אַריין אין אַן אַנדער צימער, ריידן וועגן וועטער, „פּאַרטיס" וכדומה).

**מאַריסאַן** (קומט אַריין צוריק צו די מענער, פאַררויכערן): דער רעגן איז באמת אַ סורפּריז אין אונדזער זוניקער קאַליפאָרניע!

**ליפּמאַן:** און טאַקע אַן אָפּפרישונג אויך.

**ראַסקין:** ס'איז שוין טאַקע געווען אַלץ אַזוי טרוקן און שטויביק.

(מאַשאַ מיט די צוויי דאַמען קומען אַריין צוגעפּודערט, אויפגעריכט).

**מאַראַם ליפּמאַן** (צו מאַשען): איר האָט געטאָן זייער אַ קלוגע זאַך וואָס איר האָט אונדז איינגעלאַדן. ס'איז דאָך אַזוי אומעטיק אין אַזאַ וועטער צו זיין איינע אַליין אין הויז.

**מאַדאַם ראַסקין:** כ'האָב געטראַכט דאָס אייגענע, מ'קאָן דאָך פשוט משוגע ווערן פון אומעט אין אַזאַ טאָג. (ס'הערט זיך ווידער אַ קלונג אין טיר, מאַריסאַן לויפט צו צום טיר עס עפענען. ס'קומען אַריין די בורשטיינס. בורשטיין זעט אויס שטאַרק איינגענעצט, דער מאַנטל אויסגעשמירט אַביסל אין בלאָטע, ווי ער וואָלט נאַר־וואָס אומגעפאַלן אין גאַס. מאַשע און מאַריסאַן באַגריסן די בורשטיינס).

**בורשטיין:** האַלאָ, האַלאָ! נו, אַ וועטער דאָס ביי אייך!

**מאַריסאַן:** גאַנץ גוט פאַר אַן איבערבייט! וואָס־זשע מאַכט איר עפּעס, בורשטיין און איר, פרוי בורשטיין?

**בורשטיין** (האַלט זיין איינגענעצטן מאַנטל אין האַנט און באַטראַכט זיינע איינגענעצטע הויזן. פרוי בורשטיין קוקט אויף אים ברוגזדיק): וואָס זאָל מען מאַכן? אָט האָב איך נאַר־וואָס ניט ווייט פון אייער טיר זיך אויסגעגליטשט און אומגעפאַלן. איר זעט ווי איך האָב זיך אויסגעשמירט ווי אַ רוח. (אַלע באַטראַכטן אים מיט אַ באַדויערנדיקן שמייכל).

**מאַראַם בורשטיין** (ברוגז): פאַרוואָס זאָגט ער אייך ניט אויס די סיבה פון אויסגליטש, דער בריה מיינער!

(אַלע פאַרוואונדערט נייגעריק צו וויסן): וואָס האָט פּאַסירט, וואָס און וויאַזוי?

**בורשטיין** (אַביסל פאַרשעמט): ווייס איך וואָס זי וועט אייך דערציילן, וועט איר האָבן וואָס צו הערן...

**מאַדאַם בורשטיין** (אַביסל באַליידיקט, ציט אויס אירע ווערטער): נו, דערציילט מען אַליין, אַז מיין דערציילן געפעלט דיר ניט אַזוי שטאַרק!

**מאַריסאַן** (באַרואיקט זיי): ניט געפערלעך! אַוודאי זיך פאַרקוקט אויף אַ שיין ווייבל דורכגיין און בשעת מעשה זיך אויסגעגליטשט און אומגעפאַלן... (אַלע לאַכן).

בורשטיין (האַלב אויפגעלייגט און שפּאַסיק): הערסט אַ מעשה, פון וואַנען וויסטו? ביסט דאָך טאַקע אַ רעגולער טרייפניאַק!

מאַריסאַן: ווייסן ווייס איך טאַקע ניט, אָבער כ׳בין זיך משער!

בורשטיין (דערנענטערט זיך צו מאַריסאַנען און פרעגט אים): זאָג נאָר, מאַריסאַן, האָסטו באַמערקט ביי דיר אין גאַס איינע, אַזאַ חנוודיקע שוואַרץ־אויגיקע ווייבעלע?

מאַריסאַן (שמייכלט): נו יאָ, יאָ, וואָס איז דען?...

בורשטיין: יאָ, יאָ, דאָס איז דאָס! איך זאָג דיר, כ׳האָב שוין לאַנג, לאַנג אַזאַ שיין פּנים און בויגיק געשטאַלט ניט באַגעגנט! כ׳האָב מיינע אויגן ניט געקענט אָפּרייסן פון איר. פאַרשטייסט דאָך, אַז מיין פלוניתטע איז טאַקע דער־פאַר אַזוי שטאַרק ברוגז אויף מיר. איר אַרט ניט אַזוי מיין איינגעשמירטער מאַנטל, ווי איר אַרט למאי איך קוק וואו מע דאַרף נישט...

מאַריסאַן (האַלב ערנסט): יאָ, איך באַגעגן זי דורכגיין דאָ כמעט יעדן טאָג, זינט זיי האָבן זיך אַהער אַריינגעצויגן. שכנים אונדזערע, וואוינען טאַקע דאָ די פערטע הויז פון דאַנען...

בורשטיין (אויפגעהייטערט אין לייכטן שפּאַס): אַזוי, אַזוי! זעסטו איר הייסט עס יעדן טאָג! אַי דו אַלטער פרויען־יעגער! וועסט מיר ניט זאָגן אַז דו ביזט נאָך נישט באַקאַנט מיט איר?!

מאַריסאַן: לעת־עתה ניט! (קליינע פּויזע): הערסטו, בורשטיין, קאַנטראַסטן פאַראייניקן זיך! איך האָב מיר באַקאַנט מיט איר מאַן, איז וואָס זאָל איך דיר זאָגן — אָט ווי זי איז שיין, גראַציעז און בויגיק, אַזוי איר צר, דער מאַן אירער, פּונקט דער היפּוך: גראָב־בייכיק, קורץ פּיסיק און אַ פּנים, וואָס נאָר אַ מאַמע קען אפשר ליב האָבן...

(ס׳הערט זיך ווידער אַ קלונג אין טיר; ס׳ווערט מיטאַמאָל שטיל און אַלע־מענס אויגן זיינען געווענדט צום טיר).

מאַשאַ (שטיל, כמעט סודותדיק): ס׳איז זאַלקין!

מאַריסאַן: ש־ש־אַ, ס׳איז זאַלקין... (גייט צום טיר עפענען). עס קומט אַריין הער זאַלקין אין דער באַגלייטונג מיט זייער אַ שיין מיידל, עלעגאַנט געקליידט).

זאַלקין (שטיל און באַשיידן, ווענדט זיך צו אַלעמען): זייט באַקאַנט: פריילין בלומענטאַל, מיינע אַ פריינדין. (צו דיין באַגלייטערין): מאַדאַם און הער מאַריסאַן, די באַלעבאַטים; די ראַסקינס, די בורשטיינס און די ליפּמאַנס... (כמעט אַלע צו זאַמען רופן אויס): זייער אנגענעם! ס׳פריידט אונדז אייך צו קענען!

מאַריסאַן (אויפגעלייגט): זיצט, ליבע געסט, זייט היימיש, ווי ביי זיך אין דער היים!

(די געסט האָבן זיך אויסגעזעצט, ווער אויף דער סאָפע, ווער אויף שטולן. זאַלקין האָט זיך באַקוועם איינגענעסטלט אין דעם באַקוועמען, געבעטן וויג־שטול. מאַשע האָט אַריינגעטראָגן כיבוד, וויין און צובייסן. אַלע האָבן געגעסן, געטרונקען און מ׳איז פריילעכער און צעוואַרעמטער געוואָרן...)

מאַשאַ (צו ראַסקינען): זינגט עפּעס, ראַסקין. איר זינגט דאָך אַזוי שיין!

**ראַסקין** (פריילעך אויפגעלייגט): געווים וועלן מיר זינגען! איר דאַרפט מיר אָבער צוהעלפן.

(ראַסקין זינגט אַ פאָלקס־ליד):

דערזע איך אַ שיין מיידעלע
די מאַמע קאָכט וואַרעניקעס
קריג איך צו איר חשק.
און איך בין גאָר פלייטיק,
טראַלאַ־לאַ־לאַ (צוויי מאָל)

## ליפמאַן: פ׳סאַנדערש, פ׳סאַנדערש!

ס׳הערט זיך מיטאַמאָל אַ שטאַרקער דונער און בליצן שלאָגן אָפּ אין די פענצ־טער און באַלויכטן די בין־השמשותדיקע טונקלקייט פון צימער. די נאַכט איז פריער ווי תמיד צוגעפאַלן. דער רעגן און שטורעם איז וואָס אַמאָל שטאַרקער געוואָרן. דער פייער איז קאַמין האָט פריילעך געברענט און די אָנוועזנדיקע דיינען הינגעריסן געוואָרן פון דער אינטים געשאַפענער, פריילעכער און שטימונגס־פולער אַטמאָספערע).

**מאַשאַ** (זיצט אויף דער סאָפע געאַרעמט מיט ראַסקינען): מאָריסאָן, מאַך אפשר ליכטיק אין שטוב?

**מאָריסאָן**: וואָס איז דער מער מיט דיר?

**מאַשאַ**: איך בין פאַרנומען מיט ראַסקינען. (אַלע לאַכן).

**מאָריסאָן**: (זיצנדיק מיט דער מאַדאַם ליפמאַן אויפן טעפּיך, האָט זיך פאַר דער מיטזיצנדיקער אַנטשולדיקט, האָט אַ קוועטש געטאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל און ס׳איז ליכטיק געוואָרן).

**מאַשאַ**: ראַסקין, זינגט עפּעס אַ חסידישעס, מיר וועלן אייך מיטהעלפן.

**ראַסקין**: (לאָזט זיך ניט בעטן, זינגט אַ חסידיש לידל מיט אַן אוקראַ־אינער מאָטיוו):

כבודו מלא עולם
כבודו מלא עולם!
משרתיו שואלים זה לזה,
האַ, האַ, האַ, האַ, האַ, האַ!
היום מקים כבודו!
היום מקום כבודו!..

(אַלע האַלטן אים אונטער. אינדרויסן שטורעמט און די בליצן און דונערן פאַרשטאַרקן זיך וואָס אַמאָל אַלץ אָפטער און אָפטער).

**ליפמאַן** (זיצט אויף דער סאָפע און קוקט אַריין אין אַ צייטונג. מיטאַמאָל פלאַצט ער אויס מיט אַן אויסגעשריי): מענטשן, הערט אַ קוריאָז! (לייענט):
אַ פרוי איז יאָרן־לאַנג פאַרשטעלט געווען פאַר אַ מאַן און געווען ביי אַלעמען, אין איר געזעלשאַפט, וואו זי פלעגט פאַרקערן, ווי אַזעלכע פאַררעכנט. דורך אַ צופאַל איז „ער“, אָדער ריכטיקער, זי, אַנטדעקט געוואָרן. אין „אים“ האָט זיך איינגעליבט אַ מיידל, וועלכע איז גרייט געווען מיט „אים“ חתונה האָבן...

**פריילין בלומענטאַל**: מאָדנע, טשיקאַווע!

**בורשטיין**: ס׳איז גאַרניט אַזוי מאָדנע און טשיקאַווע. כ׳האָב אַנומעלטן געלייענט אין אַ צייטונג אַן ענלעכן קוריאָז: אַ פרוי, וועלכע איז געווען פאַר־הייראַט, האָט געהאַט אפילו אַ קינד, האָט אַ צייט לאַנג פון איר לעבן פיגורירט אַלס מאַן. דאָס מערקווירדיקסטע איז, וואָס זי האָט פאַרנומען אַ מיליטערישע שטעלע אין לאַנד. ניין, ס׳איז שוין מער ניט קיין קוריאָז; מיר הערן פון אַזעלכע פאַלן אָפטמאָל...

**ליפמאַן:** ס'איז פונדעסטוועגן מאָדנע און אויפפאַלענד; ס'מוז דאָך זיין אויסערגעוויינלעכע סיבות פאַרוואָס געוויסע פרויען טוען דאָס! נאָכאַלעמען נעמען זיי דאָך אויף זיך ניט קיין גאָר גרינגע זאַך אויסצופירן; פריער אָדער שפעטער ווערן זיי דאָך אַנטדעקט!

(זאַלקין, וועלכער איז די גאַנצע צייט, בשעת מען האָט געשמועסט און פאַר־ווילט, געזעסן אין ווינקל איינגענעסטלט אין דעם ווייכן שטול, געדרייכערט זיין פיפקע און געשוויגן, האָט בשעתו נערוועז זיך אַ צאַפּל געטאָן, הערנדיק דעם גע־שפרעך, איז זיין פיפקע אים פון מויל אַרויסגעפאַלן אויפן טעפּיך. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט צו זאַלקינען זייט און אים מאָדנע באַטראַכט...)

**ראַסקין:** וואָס עפּעס אַזוי פאַראומערט און פאַרזאָרגט, פריינד זאַלקין? וואָס פאַר אַן אומעט און מרה־שחורה איר רופט אַרויס! אַלע זיינען מונטער און פריילעך און איר מיט אייער אומרו גאָר... צו אייך איז יאָ צוגעפּאַסט דאָס ליד פון יענעם דיכטער אין זיין ליד „אומרו". (ראַסקין דעקלאַמירט):

אין מינוטן פון אומרו,
אין שטילן געוויין,
ניט באַווייז זיך פאַר מענטשן,
בלייב בעסער אַליין.

אַנטלויף דאַן פון מענטשן,
פון זייער געביין;
ניט זיי ווילן און קאָנען
דיך געהעריק פאַרשטיין.

פאַר זיי דאַרפסט זיך ווייזן
לוסטיק און מונטער,
מיט אַ פריידיקן שמייכל,
דעם קאָפּ נישט אַרונטער.

קוים ביסטו פאַרצאָרנט
און ווייזט עס אַרויס,
דאַן בלייבסטו שוין זיכער
מיט דיין אומרו בלויז.

און פילסט ווי דיין צער
איז גרויס...

**ליפמאַן:** ריכטיק ווי גאָלד; אמתע ווערטער און פונקט צוגעפּאַסט צו דעם זאַלקינס שטימונג און אומרו..

זאַלקין איז געבליבן זיצן ווי ניט אים מיינט מען, נאָר מיט אַ האַלב־געמאַכטן שמייכל האָט ער אָנגעפילט, מיט במעט ציטערדיקע פינגער, זיין פיפקע און ווידער געשוויגן... מיטאַמאָל דערזעט זיך דורכן סטודיאָ פענצטער אַ שטאַרק עלעקטרי־שער בליץ דערנאָך אַ גאָר שטאַרקער דונער און אַ גרויסער מבול האָט זיך ארונ־טערגעלאָזן און געקלאַפּט אין די שויבן ווי אין אַ בלעך. די בליצן און די דונערן האָבן זיך ווידערהאָלט פון מינוט צו מינוט... די עלעקטרישע ליכט אין שטוב האָט מיטאַמאָל אָנגעהייבן צו גלימערן און טיקן זיך, ביז ס'איז פּאַמעלעך אויס־געלאָשן געוואָרן גאָר אינגאַנצן...

אַלע האָבן זיך קינדעריש און פריידיק צעלאַכט פון דעם „שפּיצל" און איינער דעם צווייטן האָט סודותדיק, מיט געמאַכטע קינדערישע שרעק, אַרויסגערעדט: פ י נ צ ט ע ר, פ י נ צ ט ע ר!... דער פייער אין קאַמין האָט אַ בלאַס ליכט אין צימער אָנגעוואָרפן. פון צייט צו צייט ווערט דאָס צימער באַלויכטן פון די

דרויסנדיקע בליצן דורכן פענצטער. מיט דעם אויסגיין פון די ליכט איז עפּעס ווי אינסטינקטיוו אויך די גערעדעריי און געזאַנג פיל שטילער געוואָרן. אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן דיל־טעפּיך מיט קישעלעך אונטער זיך, אַרום דעם ברע־נענדיקן קאַמין־פייער. איינע צום אַנדערן האָבן אין דער האַלב־פינצטערניש זיך נאָענט געטוליעט... דער שטורעם אין דרויסן האָט אין דער פינצטערניש הפנים ביי די אַנוועזנדיקע אויך אַ שטורעם אָנגעצונדן... ווער ניט ווער האָט אין דער שטילקייט איבערגעריסן מיט אַ וויץ אויף איינעמס חשבון, מיט אַ שטילן ווערן־זיך פון איינער איבער איינעמס צו־נאָענטע צודרינגלעכקייט, אָדער גאָר מיט אַ שטיל ליד...

**ראַסקין:** אַ שטימונגספולער, זינגט אַן אָריענטאַליש יידיש ליד:

איך האָב געזען זי,
איך האָב געזען זי,
זי איז געגאַנגען שעפּן
וואַסער פונעם ברונען,
אַהאַלאַ, פונעם ברונען.

איך האָב געהערט זי,
איך האָב געהערט זי,
זיך האָט פאַר מיר אויסגעזונגען
אירס אַ ניגון,
אַהאַלאַ, אירס אַ ניגון.

איך האָב געזען זי,
איך האָב געזען זי,
זי האָט פון גרינעם וואַל
אַ טעפּיך אויסגעשפּונען,
אַהאַלאַ, אויסגעשפּונען.

איך האָב געקושט זי,
איך האָב געקושט זי,
ווייל אין הארצן האָט
די ליבע הייס געפלאַקערט,
אַהאַלאַ הייס געפלאַקערט!

נאָך דעם לעצטן פערז „איך האָב געקושט זי", האָט ראַסקין אָפּגעפּרעסט אַ הייסן קוש אויף דער באַק פון דער מיטזיצנדיקער פרוי בורשטיין.

**מאָריסאָן:** בראַוואָ, ראַסקין! אַט דאָס הייסט געזונגען! און מיט אילוס־טראַציעס! און מיך גולם איז עס גאָרניט איינגעפאַלן צו טאָן!...

**ראַסקין:** פאַרשטייסטו מיך, ברודער מאָריסאָן, מיר לעבן אין אַ וועלט פון צביעות; מיר מוזן תמיד האָבן עפּעס אַן אויסרייד פאַר אַ געוויסער טאַט. שטעל זיך פאָר איך זאָל ביי דער שיין פון ליכט אַזוי פּלוצלינג, מיר־ניט דיר־ניט, אַרומנעמען דיין פרוי אָדער אַן אַנדערנס און איר אַ קוש געבן אָן וועלכן עס איז אויסרייד — איר וואָלט מיר מסתם אָנגעקוקט אַביסל מאָדנע, ניט אמת? איצט, ווייל ס'איז אַזאַ אינטימע שטימונג און אַ פּאַסיק לידל דערצו, וועט איר מיין איצטיקע געוואַגטקייט אַראָפּשלינגען...

די גאַנצע צייט, בעת ס'איז פינצטער אויף דער בינע, ווערט צווישן די פּאָרלעך אַ שטילע פליסטערונג אָנגעגאַנגען; יעדער איז פאַרנומען מיט דעם אייגן ביסל מאָמענטאַנע פרייד און... אין זאַלקינען, וועלכער איז האַלב־געלעגן אויף דער וויג־שטול זינט ס'איז פינצטער געוואָרן, כמעט אַ פאַרחלשטער, האָט מען אָן אים לגמרי פאַרגעסן. דער שטורעם אינדרויסן איז שטילער געוואָרן און די

ליכט אין שטוב — אַזוי פּלוצלינג ווי די איז אויסגעלאָשן געוואָרן, האָט עס אויך מיטאַמאָל זיך אָנגעצונדן... אַלע וואָס זײַנען געזעסן אין זייערע אינטימע פּאָזיציעס האָבן ווי אינסטינקטיוו זייערע בליקן געווענדעט צום ווינקל וואו זאַלקין איז געזעסן... ס'ווערט מיטאַמאָל אַ שטילער גערודער און אַ גערייד... אַ פּאָר פון די פרויען האָבן היסטעריש אַ קוויטש געטאָן; אַ שוידער האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט פון דאָס וואָס זיי האָבן דערזען: דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אָן אַ זייט פון וויג־שטול, איז זאַלקין געלעגן אַ פאַרחלשטער, די הענט אַראָפּגעלאָזן אומבאַוועגלעך... די מאַנסבילן האָבן זיך תיכף אויף די פיס געשטעלט, אים אַריבערגעטראָגן אין אַ שלאָפצימער און אים אָנגעהייבן צו מונטערן, גלייכצייטיק אַרונטערציענדיק פון אים די שטײַפע אויבערשטע מלבושים... זיי זײַנען מיטאַמאָל נשתומם געוואָרן, געבליבן פאַרווירט וואָס זיי האָבן דערזען... אַ שיין קלאָר־ווייס פרויען־לייב, צוקנדע אָבער שיין־געפורעמטע אַקסלען און... רונדע, האַלב־שטײַפע בריסט...

## אויסגעשרייען פון אַ פּאָר: אַ פּ ר ו י! אַ פּ ר ו י!

אַ פּאָר פרויען זײַנען אַרײַנגעלאָפן מיט אימפּעט, דערהערנדיק דעם אויס־געשריי אַ פּ ר ו י! און דערזעענדיק ווי די מענער שטייען ווי גולמער און אויף זאַלקינס אָרט אַן אויפגעדעקט פרויען־לייב זײַנען זיי אין אַ היסטעריע אַרײַנגעפאַלן... אַ פּאָר האָבן געבראַכט האַנטוכער און שפּירט צו דערמונטערן דעם פאַרחלשטן זאַלקינען...

די שטימונג איז שוין געוואָרן אַ מאָדנע געדרוקטע, עפּעס ווי אַ מת וואָלט זיך דאָ געפונען. אַלע קוקן זיך מאָדנע אָן, ווי זיי וואָלטן וועלן אַרויסלייענען דעם סוד פון דעם אַלעמען. זיי האָבן געפילט עפּעס ווי פון אַ חלום אויפגעוועקט און ווי ביי אַלעמען איז דאָס לשון אָפּגענומען...

זאַלקין האָט זיך ענדלעך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ לעטאַרגיע שלאָף, איז געקומען צו זיך אַבסל, האָט באַטראַכט זײַנע אָפענע צעכראַסטעטע מלבושים און די אַרום אים שטייענדיקע, האָט „ער" אין איילעניש געבראַכט זײַנע זאַכן אין אַ סדר און פאַרלאָזט דאָס הויז אָן אַ „זיי געזונט"...

נאָך זײַן אַוועקגיין, שטייען נאָך אַלע אַ קורצע ווײַלע פאַרוואונדערטע פון דער אויסטערלישער פּאַסירונג; קיינער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט און פּאַטעטיש געשוויגן...

**פריילין בלומענטאַל** (איז שטיין געבליבן אין אַ ווינקל פון צימער, פאַר־טראַכט און באַזאָרגט. מיטאַמאָל האָט זי, מער צו זיך אַליין ווי צו די איבעריקע אַרום איר, אַנטוישט און אַביסל פאַרשעמט, אויסגערופן):

— **ה ם! איז „ע ר" גאָר אַ פּ ר ו י ג ע ו ו ע ן!... כאַ! כאַ! כאַ!**

(און האָט זיך היסטעריש, כמעט וויינענדיק צעלאַכט...)

## שיקט אַרײַן אייער אבאנענטן אָפּצאָל

**טוט נאָך דעם שיינעם ביישפּיל פון אַ גרויסער צאָל פון אונדזערע לייענער.**

יצחק רייזמאַן

# העיטאָר דיאַס דא פּאַז

## אַ שטאָלצער פּאַרטיידיקער פון דת משה

(פון דער סעריע פּראָצעסן פון דער אינקוויזיציע אין פּאָרטוגאַל און בראַזיל)

העיטאָר דיאַס דא פּאַז איז אַ זון פון דער דאַמאָלסט באַוואוסטער משפּחה דא פּאַז, וועמענס מיטגלידער זיינען געווען באַוואוסט אַלס געזעלשאַפטלעכע עסקנים אין פּאָרטוגאַל און אין רוים. צוויי פון זיי — פערנאַן דא פּאַז און דוּאַרטע דא פּאַז — זיינען געווען גאָר באַרימט און וועגן לעצטן זיינען אומגעגאַנגען פּאַר־שיידענע ווערסיעס וועגן זיין אַקטואירן אין וואַטיקאַן אין רוים אַלס פאָרשטייער פון די אנוסים אין פּאָרטוגאַל.

העיטאָר דיאַס דא פּאַז איז אַרעסטירט געוואָרן אין ליסאַבאָן דעם 23טן אויגוסט, 1703, דורכן פאַמיליאַר פון דער אינקוויזיציע, פעליפּע דע סאָוזאַ. לויט דער מיינונג פון אַנטאָניאָ באַיאַן (דראַמאַטישע עפּיזאָדן פון דער פּאָטוגעזי־שער אינקוויזיציע״) איז דער דאָזיקער געווען אַן אַריסטאָקראַט און צו יענער צייט — די ערשטע העלפט פון 18טן יאָרהונדערט — איז עס געווען אַזאַ מין ספּאָרט, דאָס אַרעסטירן אנוסים דורך די דאָזיקע אַריסטאָקראַטן אין פּאָרטוגאַל.

באַשולדיקט אין אָפּהיטן יידישקייט, האָט העיטאָר דיאַס דא פּאַז געלייקנט. פון זיין פּראָצעס (אינקוויזיציע פון ליסאַבאָן נומ. 9.776) דערוויסן מיר זיך, אַז ער איז געווען הויך, מאָגער, האָט פאַרמאָגט קליינע בלויע אויגן, אַ רויטע באָרד, איז אַלט געווען 27 יאָר, האָט געהאַט באַרייזט גאַנץ פּאָרטוגאַל, איז אָבער קיינמאָל ניט אַרויס פון לאַנד און איז געווען אַ סטודענט פון מעדיצין.

לויט די באַשולדיקונגען פון די אָנצאָליקע עדות, צווישן זיי זיין אייגענע מוטער, זאָל ער האָבן געווען אַ הייסער און איבערגעגעבענער ייד. דער באַשול־דיקטער האָט די אַלע באַשולדיקונגען געלייקנט און אַזוי האָט ער זיך געהאַלטן ביז אַפּריל 1704, ווען ער האָט פּלוצים באַשלאָסן זיך מודה זיין אין אַלעס.

ווי עס איז פריער געווען זיין לייקענען דאָס אָפּהיטן יידישקייט און דאָס גלויבן אין תורת משה, אַזוי האָט זיין איצטיק מודה זיין זיך געטראָגן אַ ספּעציעלן טאָן פון אויסערגעוויינלעכער איבערצייגונג און אַבסאָלוטן גלויבן אין משה׳ס תורה. זיין פאַנאַטיש פּאַרטיידיקן דאָס פירן זיך לויטן יידישן גלויבן, האָט אַזוי ווי פריטשמעליעט די אינקוויזיטאָרן, און דעם 15טן מאַי, 1705, ווערט ער אויס־פירלעך געפּאָרשט דורך דעם אינקוויזיטאָר נונאָ דא קוניאָ אַטאַאידאַ, וועלכער איז שפּעטער געווען דער הויפּט־איקוויזיטאָר. פון פאַראַנענעם באַריכט פון דער דאָזיקער אויספאָרשונג ווערן מיר געוואָרן, אַז ער האָט אָפן באַשטעטיקט זיין אָנגעהערן צום יידישן פאָלק, גלויבנדיק אין תורת משה, אין וועלכער ער האָפט צו שטאַרבן. דאָס אַלעס, האָט ער דערקלערט, איז ביי אים ניט קיין פאַרברעכן און ער שטאָלצירט גאָר דערמיט. דער פּראָטאָקאָל פון דאָזיקן פאַרהער איז פון באַשולדיקטן ניט אונטערגעשריבן געוואָרן און עס לייגט זיך זייער אויפן שכל, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס די אינקוויזיטאָרן זיינען פריטשמעליעט געוואָרן פון זיינע שטאָלצע און איבערצייגטע רייד.

די אינקוויזיטאָרן האָבן אים חושד געווען אַז ער איז אַראָפּ פון זינען און זיי האָבן אים געשיקט ספּעציעל אונטערזוכן. דער אָנפירער מיט די געהיימע אינקוויזיציע קעלערן, וועלכער האָט געהאַט אויף אים די אויפזיכט, האָט געהאַלטן אַז ער מאַכט אַן אָנשטעל פון משוגעת, ווייל ער האָט עפנטלעך פּראַקטיצירט יידישע מנהגים. די דאָקטוירים וואָס האָבן אים אונטערזוכט, האָבן אויך ניט געהאַלטן אים פאַר חסר דעה און אויף צו באַרואיקן זיינע נערוון האָבן זיי אים פאַרשריבן אַ רפואה... אָדער־לאָזן.

איינזעענדיק אַז ער איז ביים קלאָרן זינען, האָבן די אינקוויזיטאָרן זיך פאַר־נומען אויף אַן אַנדער וועג: זיי האָבן געשיקט צו אים גייסטלעכע זיי זאָלן אים באַקערן צום קריסטלעכן גלויבן, נאָר ווי ער וואָלט נאָר אויף דעם געוואַרט, האָט ער אַלע פריידיקער פאַרמאַטערט מיט זיינע אַרגומענטן און ציטאַטן, אַז זיי האָבן זיך געזען פאַרלוירן קעגנאיבער זיין פאַנאַטישן פאַרטיידיקן תורת משה.

איז עס געווען אַ פייער פון הייליקן גלויבן און אַ ווילן צו גיין אויף קידוש השם? וואַרשיינלעך אַזוי. דאָס איז די איינציקע דערקלערונג צו דער אויסער־געוויינלעכער האַנדלונג פונם קדוש, ה ע י ט אָ ר ד י אָ ס ד א פּ אַ ז.

פאַרמשפּט צום טויט אויפן שייטערהויפן, איז ער דעם 29טן אויגוסט, 1706, צום לעצטן מאָל געגרופן געוואָרן חרטה צו האָבן און זיך אָפּזאָגן פון תורת משה, נאָר ער האָט מיט שטאָלץ אויך דאָס מאָל געזאָגט די אינקוויזיטאָרן, אַז ער וויל שטאַרבן אַלס ייד. דעם 10טן סעפּטעמבער פון זעלבן יאָר האָט מען אים ענדלעך געמאָלדן, אַז דעם קומענדיקן זונטיק וועט ער הערן לייענען זיין אורטייל און וועט פאַרברענט ווערן. די היטער האָבן אים באַלד געבונדן די הענט.

אַזוי פאַרענדיקט זיך דער פּראָצעס פון שטאָלצן מאַראַן, העיטאָר דיאָס דא פּאַז, וועמענס פּראָצעס טראָגט דעס נומער 9.776, אין דער ריי פון די מאַראַנען פּראָצעסן פון פּאָרטוגאַל.

---

דוד ראַפּאָפּאָרט

## צ ו ו י י

אַן ער און אַ זי
זיינען זיי —
שוואַלבן בלויע צוויי.

וואו איך גיי,
וואו איך שטיי —
צוויי שוואַלבן צוזאַמען
זע איך זיי.

אויף אַ בוים
נעסטן זיי
אין אַ בעט
פון ברוינעם היי.

זינגט דער פרילינג,
זינגט דער זומער־לאָרעליי,
וויינט דער האַרבסט
פאַרן אָנקומענדיקן ווינטער־שניי.

פליט דער טאָג אין
דער לאַנגער נאַכט.
שווער איז דאָס לעבן
אין ווירבל־געדריי.

פאַרשווינדן איז זי;
אים איז ווינד־און־וויי —
אויס מיטן ליד פון
שוואַלבן בלויע צוויי.

**מאָטעס דייטש**

# עסייאיסטישער דיבור

אַן עסייאיסט איז דער וואָס פאַרמאָגט אַ שאַרפן וועלט־קוק — אַ לויטערן קוק. דאָס באַציט זיך שוין אויף אידייע און טעמאַטיק, דער עיקר — פּראָבלעמאַטיק. ברייטער און טיפער, מיינט עס גאָר פּשוט: זיין אופן פון זיך קענען קלאָר צוזאַמענריידן מיטן מענטש, מיט דער וועלט און סוף כל סוף — מיט זיך גופא, מיט זיינע געמיט־קוואַלן — גייסט און נשמה.

אפשר ווי דאָס יידישע ווערטל גייט: זיך אַראָפּריידן פונעם האַרצן.

וואָרעם דאָס האַרץ צוזאַמען מיטן גייסט און נשמה זיינען דאָך די אַקטיווע אָנרעגער פון כלערליי בייע חידושים, וואָס נאָר אַ דאַנק זיי ווערט באַשאַפן דער אייגנאַרטיקער סטילביים עסייאיסט.

מחמת סטיל איז דעם שרייבערס געמיט, זיין אַטעם. דעריבער לאָזט זיך דער אופן פון דערקענען זיין סטיל נאָר לויטן געמיט נאָך.

איינעמס געמיט איז אַ שווערער, אַ בייזער, אַ ביטערער, אַ סאַדיסטישער, אַ מעלאַנכאָלישער און אַ פּעסימיסטישער אַרום און אַרום זיין טראַכטן, זיין קרייז אין וועלטלעכן שטח און עס ווערט פיקסירט אין: „לפום גמלא שיחנא"...

אַ צווייטנס געמיט ווידער, איז אַ לייכטער, אַ שמייכלדיקער, אַ פריילעכער, אַ האָפערדיקער, אַן אָפּטימיסטישער און אַלץ פאַרפיקסירט זיך ביי אים אין: סיעתא דשמיא.

קלוגשאַפט און געלערנטקייט וועלן מיר אויסלאָזן. קלוגשאַפט איז אַ מזל־זאַך. ווען גאָט גיט עס, איז עס פאַראַנען, חלילה ניט — קויפן קען מען עס ניט אפילו מיט ריינעם גאָלד. חכמה איז ווי די אייגענע הויט פונעם פּנים. די פיזיאָנאָמיע זאָגט שוין אַלץ אויס; זי פאַרראַט ניט צו אָפט.

מיט געלערנטקייט איז שוין גאָר אַנדערש: טאַטע־מאַמע לערנען, דאָס לעבן לערנט, די וועלט לערנט, לערערס לערנען; ביכער און קונסט לערנען.

דאָס אַלץ קען מען זיך דערווערבן, יעדער איינער לויט זיינע פעאיקייטן, זיינע פאַרלאַנגען. זיי זיינען אַרויסהעלפערס צו דער איינגעבוירענער חכמה.

אָבער דער מזג טוב, די עשירות פונעם אוצר־מענטש, ליגט אין זיין געמיט און ער באַשאַפט דעם מענטשנס סטיל סיי אין טראַכטן, ריידן און שרייבן. דאָס איז דער געמיט פון וואָרט־קונסט, געדאַנקען־קונסט — דער עסיי.

פון אַלע עסייאיסטן ביי אונדז, זיינען ה. קאַראַלניק און חיים גרינבערג די באַליבסטע עסייאיסטן מיינע. זיי זיינען עלאַסטיש הן מיט זייער מחשבה און הן מיט זייער לשון. זייער יידיש איז רייך און פּראַליפיק — אַ סטיליסטיש וואָרט. דאַקעגן זיינען לייבוש לערער, גאַלאָמב, נאַטאַנסאָן און ב. ריווקין, טאַקע טיפע דענקער, נאָר די מחשבה ביי זיי פאַרמאָגט אונטערשטראָמען, וואָס ציען אייך אַריין און האַלטן אייך צו מיט אַ שווערקייט וואָס וועגט אַראָפּצו ווי אין ברונימער אַריין, צי גאָר אין אַ פאַרשלעפעניש אויף מהלכדיקע שטחים מיט אידייאישע, פּראָבלעמאַטישע שטורעמס וואָס יאָגן זיך פון זייערע סטילן. זייערע פאַראַגראַפן זיינען ווי די געדיכטע וועלדער וואָס נאָר מיט האַק־און־זעג קאָנט איר זיך דורכ־

רייסן פריי געדאַנקלעך. זייערע מחשבות קומען ווי אַ מבול. ביי ב. ריווקין באַווייזט זיך כאַטש אַ מאָל בליצן וואָס שטעפּן צוזאַמען די וואָלקנס; ביי די אַנדערע איז עס אַ באַשטענדיקער עכאָ־פּויקנדיקער ריטעם ווי פון סיגנאַלרופן אין דזשאַנגל — אָבער און ווידער — די זעלבע אידייע באַגלייטונג מיטן גריזשענדיקן פּילפּול און געקייטע חקירה.

דער תוך פון זייער אידייען־וועלט פּרעדאָמינירט, איז כולל און האַלט אָן דעם מוח אויסשפּרייט פון זייער חקירה איבעראַלץ, אַזוי געדיכט, אַז די עלאָנגאַציע דערדריקט מיט אַ וואָלקנדיקער מחשבה כבדה. זעלטן ווען ס׳איז ביי זיי אַנדערש.

די עלעגאַנטע עסייאיסטישע עלאַסטישקייט פעלט זיי אויס; אַט־די שפּראַך־בייגעוודיקייט, ווי זי איז פאַראַנען ביי די עסייאיסטן, ספּעציעל אין פּרט פון לשון און סטיליסטיק. ס׳איז נאָר דערפאַר אַזוי מערקווירדיק ביי זיי לגבי דעם דוחק און געמיטלעכקייט — שאר רוח — איז ניט אַרויסגעבראַכט; עס פעלט די ראַפּי־נירטע עסייאיסטישע עקסעלענץ!

אויגן אַליין, ליפּן אַליין, מיט אַלע אַנדערע חושים זיינען ניט גענוג כדי צו הנאה האָבן און זיך פרייען בעתן לייענען אַן עסיי אויב ער באַזיצט ניט דאָס סטיליסטישע לשון. ווייל נאָך אַלע געדאַנקען און גוטע משלים אפילו איז פּאַרט דאָס וואָרט צום סאַמע לעצטן וואָס פאַרשליסט און באַשליסט דעם סוף, דעם קאָמפּלעטן בנין פון אַ שריפט.

דאָס וואָרט דיקטירט שוין, אַז יידיש לשון, וואָס טראָגט אויף זיך מחשבות (און איז אינערלעך פאָלקיש), זאָל נאָך אַלץ קומען מיט סטיליסטישע זשעסטי־קולאַטיוון און בילדערישע דעקאָראַטיוון; מחמת נאָר אַזוי־נאָך פולסירט עס לעבעדיק ווי אַ דיבור־חי!

## מחשבות וועגן וואַסער

אָן וואַסער וואָלט ניט מעגלעך געווען קיין שום לעבן אויף דער וועלט. דאָס ווייסט יעדער איינער, אפילו דאָס קלענסטע דומע בריאהלע פילט עס מיט לייב און לעבן.

נאָר קוקט זיך צו צום זעלבן וואַסער אין שייכות מיט שרייבן און איר וועט ווערן אַ גאַנצער פילאָזאָף; עס וועט אייך אַ סך לערנען. יאָ, ס׳איז אַ פּאַראַדאָקס און אַוודאי גאָר ניט קיין קליינע איראָניע אַז דווקא וואַסער זאָל אונדז דינען אויף צו ווערן גאַנצע מבינים אויף שרייבערס און זייערע ווערק.

ס׳איז אַ גאַנץ פשוטע לאָגיק:

דאָס נעמלעכע, טייערע, לעבנס־נייטיקע וואַסער, ווען עס כאַפּט זיך אַריין און הייבט אָן שטראָמען און פאַרפליצן דאָס שאַפן פון אַ שרייבער, זאָל מען אָפּ־געהיט ווערן, ס׳איז פיל מאָל ערגער און געפערלעכער פון אַ מגפה פאַר אַלעמען; עס וועט ניט העלפן קיין שום מופת וואָס זאָל אים קאָנען אָפּשרייען פון אַט־דער וואַסער־קראַנקהייט, וואָס איז ווי אַן אָנשטעקנדיקע עפּידעמיע.

ערשטנס איז עס אַ לעבנסלאַנגער אומגליק מיט אַזאַ פאַרשוין; ער ווערט נעבעך אין דעם דערטרונקען און עס בלייבט פון אים קיין זכר נישט פון זיין שרייבערישן געביין; ער בלייבט איינגעשלונגען אינעם סאַמע בויך פון וואַסער־

תהום אַז סע זעט זיך ניט אַרויס די שפּיץ נאָז פון אים אַ חוץ די אַלע אַנדערע קליינִיקייטן זיינע. ווער שמועסט נאָך אויב ער פיגורירט אַלס ליטעראַטור־קריטיקער... וואַסערט ער דאַן לאַנגע רעצענזיעס אָן אַ שיעור...

הכלל, וואַסער איז זייער שטאַרק פאַרליבט אין אים, ס'איז דאָס ערשטע פון אַלצדינג וואָס קומט אים קוועלנדיק אַקעגן און כאַפּט אים אַרום ווי מיט איינ־געקלעמפּטע אָרעמס, וואָס האַלטן אים מיט רווישיקסטע ליבשאַפטן. ער ווערט ביי דעם וואַסער אויס בשר ודם, אַזוי אַז אים איז ניט באַשערט, ווי יעדן דער־טרונקענעם, דער חסד אַרויפשווימען, על כל פנים, אויף דער אויבערפלאַך צום דריטן טאָג; אַזעלכער איז עס ניט זוכה; ער בלייבט שוין אין וואַסער־בויך אַ תושב עד עולם.

וואַסער האָט ניט קיין פּנים, האָט דער אייביקער באַשעפער דעם צוגעוואָרפן צו דער פנימלאָזיקייט דאָס אויסזען פון אַ בויך. גאָט האָט געזאָגט צום וואַסער: לא פּנים לפנים; נאָר דאָס וואַסער האָט נעבעך גענומען פליצן מיט מבולדיקע טרערן, האָט גאָט דעם געגעבן אַ בויך אַ פּנים...

און אַזוי איז עס געבליבן.

אַוודאי איז אויך צווישן וואַסערן פאַראַנען מינים: געזאַלצן וואַסער, מים חיים, לעבעדיק, פריש וואַסער; עס שמעקט און שלאָגט פון זיך אַרויס געזונטע ריחות. פאַרקערט ווידער, ס'איז דאָ אַזאַ מין וואַסער, וואָס איז אַ שטייענדיקס, ניט פאַר קיין געזונטע וואַסערן געדאַכט; אַ טויט וואַסער. און וואָס עס ווערט פון אָט־דעם שטייענדיק וואַסער ווייסט איטלעכער — עס עיפּושט! עס שיקט אָן אויף דעם מענטשן כלערליי קראַנקהייטן און פאַרשפּרייט שלעכטע גאַזן — עפּידעמיעס.

וועגן די עפּידעמיעס וואָס הערשן אין די שטייענדיקע וואַסערן אין דער ליטעראַטור— וועלן מיר אַנאַליזירן אין אַ צווייטן מיניאַטור־מאמר.

## די נאָוועלע „אין טעג פון גערשנגל" פון י. פרידלאַנד

ווערט איצט געדרוקט אין המשכים אין דער פּאָפּולערער יידישער טאָג־צייטונג, דער „קענעדער אָדלער."

אגב, ס'איז נאָך פאַרבליבן אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלאַרן פון בוך: „אין טעג פון גערשנגל". איר קענט זיך ווענדן דירעקט צום מחבר, י. פרידלאַנד, אויפן אַדרעס פון דער רעדאַקציע: 4375 סאָנסעט דרייוו, לאָס אַנגעלעס, קאַליפ.

## יידישער לייענער!

טוט אייער קולטור חוב! קומט ניט אָפּ נאָר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש אַז ס'איז זייער נויטיק דאָ אַ שריפט אין יידיש—באַווייזט עס מיט מעשים. ווערט אַ מיטבויער און אַבאָנענט פון „חשבון"—די איינציקע שריפט אין יידיש אין לאָס אַנגעלעס.

ז. בוניז

# מיינע פיר סעזאָנען

צו מיין יאָר דעם צוועלפטן,
האָב איך געקלעזמערט אין אַ קאַפעליע,
אויף אַ מעשענער, ווי אַ בייגל,
קיילעכדיקער טרובע.
און ביים אָנפאַנג פון מיין „לייגן" תפילין,
האָב איך אַלס לערן־יונג,
ביי ברוך סטאָליער,
קליי פאַרקאָכט,
פאַרברענט די סטרוזשקעס אין הרובע,
און דער באַלעבאָסטעס קינדערלעך
באַדאַרפט פאַרוויגן און פאַרשפּילן.
און פאַרפלויגן זיינען מיינע יוגנט־טעג,
ווי די סטרוזשקעס פונם הובל,
ווי דאָס שטויב פון אונטערן זעג...
בין איך אַוודאי ווייט געווען פון גימנאַזיע
ווי אַ לאַמעד וואָווניק
פון עולם הזה...
און פון אוניווערזיטעטן —
חלומען אפילו ניט געקאָנט
די שוועלן זייערע באַטרעטן!
בין איך ווייט פון זיין אַ מומחה עתיק
אין חכמות אַריפמעטיק,
און אין כישוף־פעלד
פון מאַטעמאַטיק.
אָבער אַז אַ יאָר באַשטייט פון פיר סעזאָנען —
וועט דאַכט זיך דאָך, דער גרעסטער נאַר
אויסרעכענען קאָנען.
וואָרום־זשע קאָן איך
מיינע פרילינגס, מיינע זומערס,
אויף די פינגער צען צעטיילן,
און די האַרבסטן,
די ווינטערס מיינע,
רעכן איך און רעכן,
און קאָן זיי אַלץ ניט איבערציילן?...

נח גאָלדבערג

# עמאַליטאַ שפּינט אַ נעץ

(פראַגמענט פון דעם מחבר'ס נייער נאָוועלע: „ווילד־גראָז")

דער אונטערשיד פון דעם אַרגענטינישן זומער ביזן האַרבסט איז אין די בערג, טאָלן און אין דעם גאַנצן סטעפּ געווען דער, וואָס ס'האָט אָפּט גערעגנט. און די זעלביקע ווילדע גראָזן, וואָס זיינען זומער־צייט געשטאַנען גרוילעך־גרינע, זיינען אין האַרבסט צוריק אויפגעלעבט געוואָרן און אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן גרינעם פאַרב. אמת, די רעגנס האָבן לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, בלויז אַ פּאָר שעה און אַ מאָל אַ גאַנצן טאָג מיט אַ נאַכט. נאָר דערפאַר פלעגט שפּעטער, נאָך די קורץ־גייענדיקע רעגנס, זיך אויסלייטערן דער ענדלאָזער הימל מיט אַ לאַזורנער בלויקייט און די זון האָט ווידער אָנגעהויבן צו ברענען און בראָטן פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אין מיטן זומער.

אין איינעם אַזאַ צעהעלטן טאָג, ווען דער טאַבון פערד און די קליינע טשער־רעדע בהמות מיטן ביקל, וואָס האָט שוין באַוויזן צו געבן אַזאַ וואַקס אויף, אַז מען האָט כמעט נישט געקאָנט מער אונטערשיידן פון זיין „טאַטן", האָבן זיך געפּיטערט פּאַזע די בערג און מיט גרויסע אַפּעטיטן געפרעסן דאָס פרישע, זאַפטיקע און זיסע גראָז, איז עמאַליטאַ אויפגעשטאַנען אינדערפרי פון שלאָף מיט אַ פאַרטיקן, וויי־בערישן פּלאַן: ווי אַזוי איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַריינצוקריגן דעם סטעפּ־יונג אין די הענט און האַלטן אים מיט אַזאַ צוואַנג, אַז ער זאָל זיך שוין מער קיינמאָל נישט קאָנען אַרויסדרייען פון איר...

ווי אַלע פרויען אויף דער וועלט, וואָס ווילן אַריינקריגן אַ מאַן אין זייער נעץ און ווענדן אָן צוליב דעם פאַרשיידענע קונץ־שטיק, איז עמאַליטאַ אויף דעם געביט געווען אַ גרויסע בריה. די קונץ, וואָס זי האָט געירשנט מסתמא פון איר עלטער־באָבען, האָט זי איצט אויסגענוצט מיט דער ביטרעסטער ביטערקייט. מיט אַ געמאַכטער מורא און שרעק אין די אויגן, האָט זי זיך פלוצים אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון איר געלעגער און פאַרטרויט כוליטאָן דעם „סוד", אַז זי האָט פאַרשוואַנגערט . . .

איר „שרעק" איז אָבער געווען אַזאַ אויבנאויפיקע, אַז אפילו אַ קינד וואָלט דאָס זייער גרינג געקענט באַמערקן. נאָר כוליטאָ איז געווען אַזוי נאַאיוו און געגלייבט יעדן איינעם, אַז ער האָט אויף גאָרנישט פאַרדעכטיקט. אָבער ער האָט נישט געוואוסט וואָס דאָס וואָרט „פאַרשוואַנגערט" מיינט אַזוינס. דעריבער האָט ער גאָרנישט געענטפערט. פאַר זיין שוויגן האָט זיך עמאַליטאַ געשראָקן אויף אַן אמת. זי האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי ער וועט אויף דעם רעאַגירן, צי וועט ער זי דערפאַר אַרויסטרייבן פון מיידל אָדער נישט?

האָט זי איצט אָנגעשטעלט אירע גרויסע, „צעשראָקענע", שוואַרצע אויגן אויף דער סטעפּ־יונג און מיט די דורכדרינגענדיקע בליקן, וואָס פרויען טוען דאָס פון אייביק אָן פונקט אין אַזעלכע „אָנגעשטרענגטע מאָמענטן" און אים דורכ־געצומען דורך און דורך און נישט געקאָנט באַגרייפן הלמאי ער האָט איר גאָרנישט געענטפערט. אָבער אינגאַנצן די האָפענונג האָט זי נישט פאַרלוירן. עמאַליטאַ

איז געווען כיטרע ווי אַ שלאַנג און פֿאַרשטאַנען, אַז דער האַלב־ווילדער בחור האָט נעבעך נישט געוואוסט דעם „ציוויליזירטן“ טייטש פֿונעם וואָרט „שוואַנגערן“ און אויף איר ווייבערישן שטייגער געגעבן דאָס אים צו פֿאַרשטיין:

— כוליטאַ, איך טראָג ביי מיר אונטערן האַרצן אַ קינד פֿון דיר...

ערשט איצט האָט כוליטאָ אויף קלאָר באַנומען וואָס עמאַליטאַ האָט פֿריער געמיינט צו זאָגן מיטן וואָרט „שוואַנגערן.“ פֿון דעם באַגריף, אַז ער וועט באַלד ווערן אַ טאַטע פֿון אַ קינד, האָט אים אַזוי צעגומען, אַז דער געזונטער יונג האָט איר אַרומגעכאַפּט אַרום דער טאַליע, אַ הייב געטאָן אין דער לופֿטן און אַזאַ האָס־טיקן דריי געגעבן זיך, אַז איר ברייט קלייד האָט זיך צעשפּרייט, צעכוואַליעט זיך און אויסגעזען ווי אַ הוידנדיקער קאַרוסעל.

נאָר באַלד האָט ער זיך גאָר געכאַפּט, אַז אַ טראַגעדיקע פּרוי טאָר מען נישט הייבן און הוידען. האָט ער זי פֿאָמעלעך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און אַ פֿאַר־שעמטער געבליבן שטיין אַנטקעגן איר מיט אַזאַ שולד אין די קאָרע אויגן, ווי ער וואָלט דערמיט אָפּגעטאָן אַ שוידערלעכע זאַך. ווען עמאַליטאַ האָט באַמערקט זיין גרויסע פֿרייד, האָט זי די גינסטיקע רגע נישט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. זי האָט אָנגעשפּאַרט אירע בריסט אויף זיין האַרצן, אַוועקגעלייגט איר קאָפּ צו אים אויפֿן אַקסל און אין אירע אויגן האָבן זיך געשטעלט בלויז צוויי געציילטע טרערן.

כוליטאָ האָט מיט צערטלעכקייט אין האַנט אויפֿגעהויבן איר גאָמבע, מיט מיט זיינע זודיקע ליפּן אויסגעקושט די פּאָר טרערן פֿון אירע גרויסע אויגן, זי צוגעטוליעט צו זיך, געגלעט אירע לאַנגע, פֿאַרקעמטע האָר און מיט אומשולד אין קול געפֿרעגט:

— וואָס וויינסטו, מיין ליב קעלבל?... דו טראָגסט טאַקע אַ קינד?...

זי האָ בלויז אַ קוק געטאָן אויף אים, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און דערנאָך צעוויינט זיך מיט אַ לאַנגן שטילן געוויין:

— טאָ וואָס־זשע וויינסטו? — האָט ער זי געוואָלט איינגעמען מיט איידעלע, ליבע רייד — דו דאַרפֿסט דאָך זיין אַזוי גליקלעך ווי איך און צום סוף וויינסטו, ווי אַ הילפֿלאָז קינד.

איצט האָט די כיטרע עמאַליטאַ דערפֿילט, אַז ס'איז געקומען די ריכטיקע צייט דורכצופֿירן איר גוט פֿאַרטראַכטן פּלאַן אין דער ווירקלעכקייט. איז זי אויפֿ־געשטאַנען פֿון געלעגער, אויף וועלכן זי האָט זיך געהאַט אַוועקגעזעצט אויף אַ ווייכע און מיט געמאָסטענע טריט געמאַכט עטלעכע שפּאַן איבער דער ערדענער פּאָדלאָגע. דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם הילצערנעם קעסטל, אויס־געווישט די טרערן פֿון די אויגן און מיט פֿאַרפֿירערישער אויסרעכענונג אין יעדן זשעסט, אין איטלעכן קער און ווענד פֿון איר בייגעוודיקן קערפּער געגומען טענהן:

— ווי אַזוי זאָל איך זיך פֿרייען? און פֿאַרוואָס זאָל איך נישט וויינען, אַז איך טראָג ביי זיך אונטערן האַרצן אַן אומגעזעצלעך קינד?... אפֿילו די פּעאָנען אין לאַגער וועלן דאָך אָפּלאַכן!... און ווען דאָס קינד וועט קומען אויף דער וועלט, וועט ער קיין אמתן נאָמען נישט האָבן און אַלע וועלן אים רופֿן „ממזר“!...

פֿון עמאַליטאַס „גערעכטע“ טענות איז כוליטאָ אומרואיק געוואָרן. אָבער די אינעווייניקסטע פֿרייד, וואָס ער וועט ווערן אַן אמתער טאַטע, האָט זיך אפֿילו אויף קיין האָר נישט אָפּגעטאָן פֿון אים.

— אויב עמיצער וועט וואַגן צו רופן מיין קינד „ממזר" וועל איך יענעם אָן קיינע וואַקלעניש דערשטעכן...

— אויב דיר איז ליב און טייער דאָס קינד — האָבן זיך עמאַליטאַס גרויסע אויגן צעשטראַלט — און אויב דו האָסט מיך אויך ליב און ווילסט מיר נישט אָנ־טאָן קיין שאַנד, איז פיר מיך אַוועק אין אַ קלויסטער און האָב מיט מיר חתונה.

כאָטש אירע רייד האָבן אים אין די אויערן געקלונגען גערעכטע, דאָך איז אים דאָס וואָרט „חתונה" געווען אַביסל פרעמד און אומפאַרשטענדלעך און וועגן אָפּזאָגן איר דעם פאַרלאַנג אפילו נישט געטראַכט.

— גוט, מיר וועלן פאָרן אין מאַדעראַס, באַר זאָג מיר: וואָס מיינט דאָס וואָרט „חתונה"? ווי אַזוי טוט מען דאָס?... איך וועל דיר דערציילן דעם אמת, אַז כ'ווייס נישט אויף קלאָר צי מיין טאַטע מיט מיין מאַמען האָבן, ווי דו רופסט דאָס, „חתונה געהאַט." דאָך האָבן זיי מיך געבוירן און געלעבט צווישן זיך אַ גליקלעך לעבן. אָבער... אויב דו דענקסט, אַז דאָס וועט דיך צופרידן שטעלן און מען וועט מיין קינד נישט רופן „ממזר", וועל איך דאָס טאָן מיטן גרעסטן פאַרגעניגן...

פונקט ווי עמאַליטאַ וואָלט נאָר געוואַרט אויף אָט־די פאָר גינסטיקע ווער־טער, איז זי אין איין רגע געוואָרן פריש און מונטער. אַ פריילעכע און אַ ספּריטנע אויף די שלאַנקע פיס, איז זי אויפגעשפרונגען פון קעסטל, צוגעלאָפן צו איר „חתן", מיט אירע לאַנגע הענט אַרומגענומען זיין שוואַרץ־האָריקן קאָפּ און אַ לאַכנדיקע אַריינגעקוקט אין זיינע קאַרע אויגן:

— וואָס איז דאָ, מישטיינס געזאָגט, פאַראַן וואָס צו וויסן?... קודם־כל דאַרף מען האָבן אַ רינגעלע. דערמיט גייט מען אַריין אין קלויסטער און דער „פּאַדרע" דאָרט וועט שוין דורכפירן די גאַנצע צערעמאָניע. אָבער דו ביסט זיכער, אַז דו ווילסט מיט מיר חתונה האָבן?...

— סעגוראָ! — האָט זיך כוליטאָ אַביסל באַליידיקט פון איר נאַרישער פראַגע און זיין מענערישע ווירדע האָט זיך אויף אַ ווײַלע אויפגעהויבן. נאָר באַלד האָט זיך דערהערט אַ געפּאַלבקייט אין זיין קול: איך בין אין אַ קלויסטער קיינמאָל נישט געווען און קיין חתונה נישט געזען. איך ווייס אפילו נישט ווי צו בעטן גאָט... און איך שעם זיך דיר צו דערציילן, אַז עפּעס האָב איך אַלע מאָל אַביסל מורא געהאַט אַריינצוגיין אַהין...

— דו דאַרפסט דאָרט גאָרנישט טאָן — האָט אים עמאַליטאַ פאַרזיכערט און געוואָלט אַרויספּלאַצן מיט שפּאַטישע רייד, אַז ער האָט שוין זיינס אָפּגעטאָן. נאָר זי איז געווען כיטרע און זיך געכאַפּט אין דער לעצטער רגע, אַז זי דאַרף איצט שפּילן די ראָלע פון אַ „צנועה", אַז מיט איין וואָרט בלויז קאָן זי קאַליע מאַכן דעם גאַנצן פּלאַן און דעריבער פאַרגעזעצט רעדן מיט געמאַכטער ערנסט־קייט אין קול: — דו דאַרפסט בלויז אַרויפטאָן דאָס רינגעלע צו מיר אויפן פינגער און נאָכזאָגן דעם „פּאַדרע" די פּאָר ווערטער, וואָס ער וועט דיך הייסן... דו ווילסט דאָך חתונה האָבן — האָט זי איצט אויסגעדרייט דעם דישעל אויף צוריק, כדי צו פאַרשטאַרקן איר מאַנעוורע — דער איינציקער וועג ווי דאָס צו טאָן איז בלויז אַריינגיין אין קלויסטער...

און כוליטאַ, וואָס איז געווען אַ פאַרשיכורטער פון פרייד און נישט געוואָלט אַז מען זאָל זיין קינד רופן „ממזר", האָט איצט קיין סך נישט געקלערט, נישט איבערגעלייגט זיך וואָס ער טוט און מיט אַ פעסטן באַשלוס געזאָגט:

— בוענאַ, קערעדיטאַ! (גוט, טייערינקע!) אין דעם שטעטל מאַדעראָס האָב איך פון ווייטן באַמערקט אַ קליינעם, ווייסן קלויסטער. דאָס שטעטל ליגט אינ־גאַנצן אַרום אַ האַלבן טאָג רייטן פון דאַנען. איז וועלן מיר מאָרגן נאָך פרישטיק פאָרן אַהין. ביסטו צופרידן?...

אָנשטאָט צו ענטפערן האָט אים עמאַליטאַ ווידער אַרומגענומען, געדריקט צו זיך און אַ ברענענדיקן קוש געטאָן אין מויל. מיט דער ווילדקייט פון אַ ביק האָט זיך כוליטאַ אַרויסגעריסן פון אירע הענט, אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, אַרויפ־געשפרונגען אויף אַ קעסטל, וואָס איז געשטאַנען לעבן קאַסטיאָר און אינגאַנצן אַ צעפלאַמטער אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער פון גאַרטל, אויסגעשאָסן אין דער לופטן און דערמיט צענויפגערופן אַלע פעאָנען מיט די עטלעכע גאָסן־פּרויען.

פון אַלע זייטן האָבן זיך אַהער געטראָגן פעאָנען מיט צעפלאַמטע קעפּ און מיט שרעק אין די אויגן. זיי זיינען געקומען פון די ביידלעך, פון קאָראַל און פון די בערג. אויך די ווייבער האָבן אַרומגערינגלט דעם צעשמייעטן סטעפּ־יונג, וואָס האָט, אָן קיין שום שאַנדע און אָן קיין שום חרפּה, אויף אַ הויכן קול געזאָגט צו די פאַרזאַמלטע:

— אַמיגאָס! מיין עמאַליטאַ טראָגט אַ קינד אין בויך! איך וועל ווערן אַ טאַטע!... מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר פאָרן קיין מאַדעראָס, דאָרטן איז פאַראַן אַ קלויסטער און דער פּאַדרע וועט אונדז ביידע חתונה מאַכן!...

פון דער דערפרייענדיקער בשורה זיינען די מענער געוואָרן אַזוי אויפגע־הייטערט, אַז זיי האָבן זיך גאָר פאַרגעסן אין דער פריערדיקער מורא און אָנגע־הויבן שרייען: „וויוואַ כוליטאַ! — — — וויוואַ עמאַליטאַ!"... נאָר די עטלעכע פרויען, וואָס האָבן טאַקע געמיינט אַז עמאַליטאַ האָט פאַרשוואַנגערט אויף אָן אמת, האָבן דאָס הפּנים איר נישט פאַרגינען און איינע פון זיי האָט אַ האַסטיקן שפּיי געטאָן אויף דער ערד און געזאָגט צו אַ צווייטער שטילערהייט:

— דו האָסט שוין געזען, אַז אַ הור זאָל האָבן אַזאַ מזל?!...

כוליטאַ האָט די ווייבערישע רייד נישט געהערט. אַ באַרוישטער פון זיין גרויסן „נצחון" האָט ער איינגעשטילט דעם ליאַרעמדיקן עולם און אַפריער גע־ווענדט זיך צו ראַפאַעלן מיט נאַטאַליאָן, געהייסן אַז זיי זאָלן מאָרגן אינדערפרי אָפּקלייבן דרייסיק פון די שענסטע און בראַווסטע יונגען, די בעסטע רייטער אין לאַגער, וואָס קאָנען האַלטן אַ ביקס אין די הענט, אויספּוצן זיי אין די טייערסטע קליידער און געבן די בעסטע רייט־פערד פון קאָראַל, כדי צו זיין גרייט פאַר דער מאָרגנדיקער רייזע. דערנאָך האָט ער באַפוילן די עטלעכע פרויען, אַז זיי זאָלן גלייך מאָרגן אינדערפרי צוגרייטן אַ גוטן פרישטיק פון געבראָטן פלייש און אויפקאָכן אַ פולן קעסל מיט שטאַרקער מאַטע צום טרינקען.

יהושע ריווין

## אַ חלום

בין קיינמאָל ניט געווען דאָרט,
און קיינמאָל ניט געזען דאָס —
ס׳איז אַ חלום פון קאָלירן
מיט אַן אויסגעטראַכטן שלאָס.

פיל בערגיקע פאַנטאַנען
אין אַ זונקין פאַרגיין,
אויף בלויע, שוואַרצע ימען
באַזוימטע מיט גראַניטשטיין.

רויט-צעגליטע הימלען
צינדן אָן די נאַכט;
כ׳בין קיינמאָל ניט געווען דאָרט —
אַ חלום האָט עס אויסגעטראַכט...

## לעבן

מ׳קען גאָר די וועלט ניט באַרעכענען;
אַזויפיל פאַרדרייטע חשבונות,
אַזויפיל געדאַנקען פאַרפּלאָנטערטע,
אַזויפיל צעמישטע רעיונות.

מ׳קען גאָר ניט פירן קיין חשבון
פון שולדיק, פון נעמען און געבן;
מ׳קאָן גאָר קיין שליסל ניט שאַפן
פאַרן סוד, וואָס זיין נאָמען איז — לעבן!

## וואוהין

וואוהין וועט דער ווינט מיך פאַרטראָגן?
אַוואו וועט דער טויט מיך געפינען?
אויף אַ באַרג אַ פאַרשנייטן, וויסטן?
צי אין אַ וואַלד מיט פאַרהונגערטע בינען?

צי אין אַ פעלד אויף אַ פאַרוואָרלאָזטער סטעשקע
וועל איך ליגן מיט פאַרגלעזערטע אויגן;
אַן אַלטע סאָווע, אַ בייזע, אין פינצטערער נאַכט
איבער מיר, פון איר נעסט, וועט זיך בויגן?

יצחק ניומאַן

# הורדוס המלך

(היסטאָרישע שטודיע)

הורדוס האָט געקיניגט איבער יהודה אין סוף פון בית שני. געשטאַמט האָט הורדוס פון לאַנד אדום. זיין פאָטער איז געווען אַ פירשט מיטן נאָמען אַנטי־פּאַטאַר, וואָס האָט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. די רוימישע מלוכה, וואָס האָט באַהערשט יהודה, האָט הורדוסן באַשטימט פאַרן פּראָוואַלטער און מיליטער־רישן קאָמאַנדיר פון גליל; דאָרט האָט ער געשאַלטעוועט מיט אַן אייזערנע פויסט, און פאַרמשפט צום טויט פיל יידישע פּאַטריאָטן פון גליל, וואָס האָבן געוואָלט זיך באַפרייען פון רוימישן יאָך.

פאַר זיינע ווילדע מעשים האָבן אים די סנהדרין פאַרמשפט צום טויט; איז ער אַנטלאָפן צו די רוימישע לעגיאָנען פון סיריע. שפּעטער האָט ער דורך פאַר־שידענע מאַניפּולאַציעס זיך דערהויבן, מיט דער הילף פון די רוימער, צו ווערן דער מלך פון גאַנץ ארץ ישראל, און זיך תיכף גענומען אויסצוראָטן די גאַנצע חשמונאים דינאַסטיע. ער האָט אויך אומגעבראַכט זיין שוויגער אַלעקסאַנדראַ, די מוטער פון זיין פרוי מאַריאַנאַ (מרים), אַן אייניקל פון די חשמונאים, און צוזאַמען מיט זיין פרוי האָט ער אויך „אָפּגערייניקט" זיין זון אַנטיפּאַטער דער צווייטער. אַזוי איז זיין גאַנץ לעבן געווען אַ קייט פון טעראָר און מאָרד. פאַר דעם קלענסטן חשד פלעגט ער באַפעלן נקמה צו נעמען דורך טויט. ער האָט אַרויפגעשרויפט שטייערן כדי שפּעטער צו קאָנען קאָנפיסקירן דעם פאַרמעגן.

רוים האָט געהאַט פולן צוטרוי צו אים, ווייל זי האָט געוואָלט האָבן אַזאַ טיראַן וואָס די באַפעלקערונג האָט פיינט. ווען הורדוס האָט זיך דערוואוסט אַז מענטשן שיקן אין געהיים פּראָטעסט־בריוו קעגן אים קיין רוים, האָט ער תיכף געשיקט קיין רוים טייערע מתנות צו דער רעגירונגס קליקע, פּאָמפּעיוס, אויגוס־טוס און אַנטאָניוס.

ער האָט אויך זיך גענומען נאָכטאָן דעםביישפּיל פון רוים, און גענומען זיך צו בויען פּאַלאַצן, מאָנומענטן, שטעט און פּאַרטן. פאַר דעם האָט זיך גע־פאָדערט געלט. האָט ער אָן רחמנות באַריסן די באַפעלקערונג, באַראַבעוועט דעם בית־המקדש, וואָס ער האָט געהאַט איבערגעבויט שענער און גרעסער, און פון די גרויסע סומען געלט, וואָס די יידן פלעגן אַריינשיקן פון אַלע תפוצות, פלעגט ער אָפּלעקן אַ פעטביינדל...

* * *

דער מלך הורדוס האָט געקיניגט פון יאָר 37 ביזן 4טן יאָר פאַר דער נייער צייט־רעכענונג. זיין הערשאַפט איז געווען אַ תקופה פון אויסערלעכן גלאַנץ, פון שיינע פּאַלאַצן און אינערלעכער צעפוילטקייט. ער האָט געשיינט פאַר דער וועלט ווי דער פאַרשפּרייטער פון גריכישער קולטור און רוימישער ציוויליזאַציע אין לאַנד יהודה. ער האָט זיך אַרומגערינגלט מיט גריכישע וויסנשאַפטלער און רוימישע וועכטער, וואָס האָבן אים געהיטן, כדי צו פאַרמיידן אַז יידן זאָלן ביט מאַכן קיין בונד קעגן אים. האָט ער פאַרבאָטן דאָס פאַרזאַמלען זיך אין די גאַסן און אין די הייזער. זיין געהיים־פּאָליציי האָט געקוקט מיט אָפענע אויגן אויף

אַלע וועגן; טײלמאָל האָט דער מלך אַלײן אינקאָגניטאָ אָנגעטאָן זיך אין פּראָסטע בגדים, אומגעשפּאַצירט אין די גאַסן און זיך צוגעהערט וואָס מענטשן רײדן. טאָמער האָט אײנער זיך אויסגעדריקט ניט אַזוי שײן וועגן מלך — איז שוין יענער געווען אַ פאַרפאַלענער.

די גאַנצע ממשלה פון מלך הורדוס איז געווען אָנגעפּילט מיט גריכישע אַדעללײט. אײנער אַ ניקאָלעאוס פון דמשק, איז געווען זײן אויסערן־מיניסטער; אַ גריך מיטן נאָמען תלמי, איז געווען זײן פינאַנץ־מיניסטער. עס איז געווען ווי אין פּסוק שטײט: „מושל מקשיב על דבר שקר כל משרתיו רשעים" (אַז דער הערשער פאַרנעמט זיך מיט ליגנס, זײנען אַלע זײנע משרתים אויך רשעים). זײנע גריכישע רעטאָריקער האָבן געטאָן פאַר אים זײן „פּאַבליק רילײשאַנס" און פאַרשפּרײט פּאַמפלעטס, פול מיט לויב־געזאַנג פאַרן מלך הורדוס און זײנע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער מענטשהײט. אָבער אין זײן לאַנד איז הורדוס געווען פאַרהאַסט בײם גאַנצן פאָלק. מען פלעגט אים רופן „שקלאַפערישער אדומי", „האַלבער ייד".

לויט די רײד פון זײנע רעטאָריקער, האָט הורדוס געבויט פּאַלאַצן אין אויסלאַנד צוליב פילאַנטראָפּיע, אָבער לויט יאָזעפוס האָט ער עס געטאָן זיך אײנצוקױפן לאַסקעס בײ די רוימער. אין אַלע שטעט וואָס ער האָט געבויט האָט ער אַרײנגעשטעלט סטאַטועס און בילדער, לויט די גויאישע מנהגים, אָבער ער האָט דאָס ניט געוואַגט צו טאָן בײ זיך אין לאַנד יהודה. ווארעם יידן וואָלטן אים דאָס ניט דערלויבט צו טאָן, און פאַר יידן האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז ער טוט עס ניט מיט זײן ווילן, נאָר ער איז געשצוואונגען דורכן רוימישן קײסער...

הורדוס האָט ליב געהאַט נאָכצומאַכן אַלע קונץ־שטיק פון די גרויסע מלוכות. ער האָט געבויט דעם פּאָרט פון קיסריה, אַזוי אַז די גרעסטע שיפן זאָלן קענען צוקומען צום ברעג און נישט דאַרפן זײן אונטערן גורל פון די ווינטן און שטורעמס ווי אין יפו.

הורדוס איז געווען אַן אַמביציעזער בויער פון שטעט, אָבער די שטאָט קיסרין און דער פּאָרט איז געווען זײן ליבלינג. לעבן ברעג פון ים האָט ער אויפגעבויט גרויסע שפּײכלער פאַר תבואה, ווי עס ווערט דערמאָנט אין דער גמרא (עבודה זרה ט־ז), און דער האַנדל מיט די אַרומיקע פעלקער איז געווען גרויס און האָט אים אַרײנגעבראַכט אַ היבשע אַפּותיקה אין שטײערן.

יידן האָבן געהאַסט קיסרין, איבער דעם נאָמען פון אויגוסטוס קיסר, וואָס די שטאָט האָט געטראָגן. עס איז געווען אין זײערע אויגן ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון רוים און אדום, און דער מלך הורדוס האָט זײ באַצײכנט פאַר אײנעם, וואָס האָט זיך אַרײנגעגנבעט אין דער יידישער מלוכה ווי אַ פוקס, געקיניגט אכזריות־דיק ווי אַ לײב, און געשטאָרבן ווי אַ הונט...

אין דער שטאָט קיסרין איז געווען אַ הויכע אַקאַדעמיע, וואו די רײכע און די אַדעללײט פון רוים פלעגן שיקן זײערע קינדער דאָרט שטודירן, און זײ, די סטודענטן, זײנען עס געווען די העצער און פאַרשפּרײטער פון יידן־האַס. האָבן די יידן באַשולדיקט הורדוסן פאַר זײן דער גורם און די סיבה...

אין דער סאָמער פינצטערער ממשלה פון הורדוס בלישטשען אויף אויך אײניקע ליכטיקע שטראַלן, וואָס איז צו זײן שבח: ער האָט אויפגעשטעלט אַ

יידישע פֿלאָטע, וואָס האָט קורסירט אויפֿן שוואַרצן ים און אויפֿן באָספּאָרישן טערקיי. ער האָט זיך אויך פֿאַרמאָסטן אויסצושפּרייטן יידישן האַנדל אַזוי ווייט ווי אינדיע. ער האָט אויך די רויבער און פּיראַטן פֿאַרטריבן פֿון מיטללענדישן ים. ער האָט אויך קאָלאָניזירט פֿיל משפחות פֿון בבל און זיי באַזעצט אויף סטראַ־טעגישע ערטער כדי צו היטן די וועגן. די קאָלאָניסטן האָבן באַקומען לאַנד פֿריי פֿון שטייערן. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַ משך פֿון יאָרן אויך נאָכן חורבן.

אַ גרויסער האַנדל איז אָנגעגאַנגען אין יענער צייט מיט געווירצן, צינאַמאָן און פֿעפֿער, פֿון אינדיע און תימן, און יידישע שיפֿן האָבן עס געפֿירט קיין רוים. דאָס האָט אַריינגעבראַכט אַן אוצר מיט שטייערן אין הורדוס'עס קאַסע. דער וועלט־האַנדל האָט אים פֿאַרבונדן מיט דער ברייטער וועלט. ער האָט געמאַכט מטבעות אין גריכיש און רוימיש, און ניט אין עברית; אָבער קיין מענטשלעכע פּנימער האָט ער אויף זיי ניט אויסגעקריצט.

אַ גרויסער גריכישער היסטאָריקער שרייבט אַ מערקווירדיקע זאַך, דאָס הורדוס האָט אויך פֿאַרטיידיקט יידן פֿון אַנדערע לענדער, און האָט זיך משתדל געווען ביי רוים, זי זאָל זיין מענטשלעך צו יידן פֿון די רוימישע פּראָווינצן און „סאַטעליטן“ און עס זאָל זיי געגעבן ווערן געוויסע פּריווילעגיעס, אַ שטייגער: ניט צו ברענגען קרבנות צו פֿרעמדע אָפּגעטער, נאָר צו לאָזן זיי אָנגיין מיט זייער אייגן שטייגער לעבן. אויך ווען פּאָמפּיוס איז אַריין אין ירושלים, האָבן יידן געבעטן ביי די רוימער געוויסע פֿאַרלייכטערונגען, און צום זכות פֿון הורדוסן מעג געזאָגט ווערן: דאָס מער פֿון אַלע וואָסאַלן האָט ער באַשיצט יידישע רעכט אין אַלע תפוצות פֿון דער רוימישער אימפּעריע. ערנעסט רענאַן, דער פֿראַנצוי־זישער היסטאָריקער, רופֿט אָן הורדוסן, דער נייער שלמה, און עס איז דאָ אַ געוויסער פֿאַרגלייך צווישן ביידן. פּונקט ווי שלמה המלך אין זיין צייט, האָט אויך הורדוס געוואָלט אַרויסשלעפּן די יידן פֿון זייער קליינעם ווינקל צו דער גרויסער, ברייטער וועלט, צו דער וועלטלעכער רוים און ציוויליזירטער גריכנ־לאַנד; ווי שלמה, אַזוי האָט הורדוס געוואָלט אויסברייטערן דעם האַנדל אין זיין לאַנד צו אַ בעסער און רייכער לעבן. פּונקט ווי אין שלמה'ס צייטן איז דער מצב געווען גלאַנציק פֿון דרויסן און פֿאַרפֿוילט פֿון אינעווייניק. אַלץ איז געווען אַ פֿאַרבלענדעניש פֿאַרן אויג, אַזוי האָט אויך הורדוס פֿאַרפּוצט דעם בית המקדש, און ער האָט זיך אויך פֿאַרזאָרגט מיט פֿיל ווייבער ווי שלמה.

דריי הויפּט אַמביציעס האָט הורדוס געהאַט אין זיין ציל: הערשאַפֿט, באַ־רימעריי און וואוילטאָג. די אַלע דריי זאַכן האָבן אים געצויגן צו די רוימער און גריכן. פֿון די רוימער האָט ער דערוואַרטעט — הערשאַפֿט, און פֿון די גריכן — באַרימטקייט. די רוימער זיינען געווען קריגס־העלדן, און די גריכן — האַנדלס מענטשן. אויך מלחמות האָט געמיינט אויסשפּרייטונג פֿון האַנדל און רויב, און ווייל די רוימער האָבן אים ניט צוגעשטעלט קיין צו־גרויסע הערשאַפֿט, איז אים ניט געבליבן אַנדערש ווי זיך אויסצייכענען מיט רייכקייט, דורך אויסברייטערן האַנדל און מאָנען שטייערן צו קענען אויפֿהאַלטן זיינע רייכע פּאַלאַצן און קאָסט־באַרע פֿאַרגעניגנס.

הורדוס האָט אויך געזאָרגט וועגן שיינקייט פֿון בית המקדש, ווייל ער האָט געוואָלט נושא־חן זיין ביי די טויזנטער טוריסטן, יידן, פֿון די תפוצות, וואָס האָבן

אַרייגעשיקט גרויסע סומען גאָלד און זילבער מתנות צום בית המקדש, און פון דעם האָט ער אָפּגעלעקט אַ היפּש ביסל. אַז דאָס אַלעס איז ניט געווען גענוג, האָט ער אויך באַרויבט די הייליקע קברים און די הייליקע אוצרות. אַ מלך וואָס האָט געקענט אַרויפשטעלן אַ רוימישן אָדלער אויף די טויערן פון בית המקדש, האָט געקענט טאָן אַ סך שענדלעכע זאַכן. אָט האָט ער געהאַלטן אין איין בייטן די כהנים גדולים. זיין ציל איז געווען צו האָבן אַזעלכע כהנים, וואָס זאָלן טאָן זיין רצון, זיי זאָלן אים לאָזן נעמען און ראַבעווען וויפיל זיין האַרץ גלוסט.

אין תלמוד זיינען דאָ בלויז מאָגערע ידיעות, למשל: וועגן הורדוס' באַרויבן דוד'ס קבר, עס ווערט אויך דערמאָנט אין בוך „אַלטערטימער" ט"ז). זיין רייכ־קייט איז געווען אַרום טויזנט צענטנער אַ יאָר. ווען ער איז געשטאָרבן האָבן זיינע זין — אַרכילוס געקראָגן 600 צענטנער גאָלד, אַנטיפּאַטער — 200 צענט־נער גאָלד, פיליפּס — 100, און שלומית, זייער שוועסטער — 60 צענטנער. אַ חוץ דעם האָט ער געהאַט אַן הכנסה פון יריחו און פון ציפּרוס אינדזלען. אָבער מיט אַלע איינקונפטן האָט אים תמיד אויסגעפעלט געלט, האָט ער זיך געמאַכט נאָך אַ הכנסה: קאָנפיסקירן די הייזער און פאַרמעגנס פון זיינע פּאָליטישע קעגנער.

ער פלעגט אויסטראַכטן פאַלשע בילבולים, אַז די רייכע זיינען אין קאָנספּי־ראַציע אים צו שטירצן; מיט דער פאַלשער טענה האָט ער עקספּראָפּרירט זייערע פאַרמעגנס. די וואָס האָבן זיך געשטעלט קעגן דעם, האָט ער אָפּגערוימט פון וועג און דאָס גאָלד און זילבער צוגעלקחנט פאַר זיך. אין זיין בלוט־דאָרשט האָט ער דערמאָרדעט זיין אייגענע פרוי און קינדער, ווי אַן אמתער מאַניאַק.

דורך זיינע מעשים און רשעות זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרן די כוחות צו באַקעמפן דעם אויפקום פון נייע רעליגיעס. אויך איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער ווידערשטאַנד צו די גזירות און רדיפות פון די רוימישע פּראָטעקטאָראַטן אין יהודה, וואָס האָט געפירט צו דעם, אַז אַ פרידלעך פאָלק זאָל ווערן גערייצט צו ווערן רעבעלן און בונטאַרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט הורדוס' טויט און זיך געצויגן ביז אַספּסיאַנוס און טיטוס הרשע, און דער סוף איז געווען, אַז די ארץ ישראל, וואָס האָט זיך אַזוי שיין צעבליט און אַנטוויקלט אין דער צייט פון די חשמונאים, איז געוואָרן דערנידעריקט. די פאַרביטערטקייט האָט געפירט צו ווידערשטאַנד און שפּעטער צו חורבן און צווייטן גלות.

• אויפמערקזאַם! •

ס'איז נאָך פאַרבליבן אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלאַרן פון י. פרידלאַנד'ס נייעם בוך נאָוועלן: „אין טעג פון געראַנגל." איר קענט זיך ווענדן דירעקט צום מחבר אויף דעם אַדרעס פון דער רעדאַקציע:

I. FRIEDLAND

4375 SUNSET DRIVE • LOS ANGELES 27, CALIF.

**שמעון וואזשעק**

# דער וואָגלער

ער אַנט אין וואַך-טרוים אַ סטעזשקע, שמאָל און זויבער,
וואָס פירט צום פאַרהאָפטן לאַנד, געהיים און ווייט,
אים ווינקט אַ טעמפּל-טורעם אין ליכט פאַרצויבערט,
ער נעמט זיין פרום און גלויביק האַרץ און גייט.

אָן שלאָף, אָן שעלטער, אויף שאָטן-ליכט נסיעה,
ער שפּאַנט אויף זיג-זאַג וועגן, שטייניק, קרום;
זיין פעסטער טראָט צעאַקערט תהומות מניעה,
ער פאַלט פון בערג אין גריבער און קומט ניט אום.

און וואַך מיט נלי, וואָס צינדט דעם וואָגלערס דראַנגען,
אַ טרעמפּ אין טראַנטעס, פאַרלאַכט, פאַרפלוכט —
דורך זומפּן, שלוכטן פול מיט נסיון-שלאַנגען —
ער דאָס טורעם-ליכט, ווי דעם סנה, אָן אָפּשטעל זוכט.

די סטעזשקע פאַרדאַרנט אַלץ שמאָלער און באַנגער,
דער טעמפּל גרויט ביי סטעזשקעס ווייטסטן ענד,
מיט שטן יאוש דאָס שווערע געמיט איז שוואַנגער,
אַ וואָגלער ביי מויערן אומגעהייערע פאַלבט די הענט.

עס שלאָפט זיין תושב-שטאָט אויף שווערע אויערן,
דורך שלאָס און פענצטער בלאָזט מיט קאַלטן חשד,
אינעם בעט פון אייז פון שווייגן איינגעפרוירן,
פאַרדרימלען זיינע פרייגט מיט זיקנה זאַט.

ער וואָלט געמידן דער סטעזשקעס שפּיזיקע דערנער,
און געטאַנצט מיט אַ רוי און לייכט געמיט,
נאָר ס'בעט און זינגט אין אים דער אייביקער תורה-לערנער,
וואָס נאָר צום טעמפּל-טורעם אים ציט און ציט.

אויף טריט אָן שטערן און מידע שליאַכן ספקות דראָען,
פאַרלעשן דאָס לעצטע שטרייפל שיין,
נאָר ס'ווייסט זיין האַרץ און שווערט: אין די לעצטע שעהען,
וועט העל זיין טריט מיט זיין סטעזשקע גיין!

און ס'בלאָזט דער ווינט מיט מוט אויף זיינע לענדן,
פרישער אָטעם שטאַרקט זיין האַרצנס שלאָג.
און ווידער: נעכט אָן אויגן שפּרייזן, שפּרייזן אָן ענדן:
— אָ, וואו איז, וואו, דער אויסגעלייזטער טאָג...

ל'אָטי פ. מלאך

# דער רבי אַן אַ קאַנטשיק

(דערציילונג)

יעדן זמן האָבן די בעלי־בתים פון שטעטל אָפּגעהאַלטן אַן אַסיפה און האָבן באַשלאָסן, שוין צום וויפילטן מאָל, אַראָפּצוברענגען קיין מיהאָווא עפּעס אַ לייטישן מלמד, מען זאָל אים קאָנען אָנרופן לערער און ער זאָל לערנען מיט די קינדער אַלע לימודים, כדי מען זאָל זיי ניט דאַרפן שיקן אין דער גויאישער שול. וויפיל איז דער שיעור צו האַלטן די קינדער ביים דרדקי־מלמד, וויפיל? אַז מער ווי חומש מיט רש"י איז ער זיי ניט מסוגל צו געבן; אויף קיין בלאַט גמרא פאַרמעסט ער זיך אפילו ניט.

גייט, אַ שטייגער, און רופט שמחה מלמד, לערער; אַז דאָס גאַנצע אַלטפרענקישע מלמדות ליגט אויף אים אויסגעגאָסן.

די יידן פון שטעטל, אָדער בעסער געזאָגט, פון דאָרף, מיהאָווא, האָבן עס אפשר ניט געוואוסט, נאָר זיי זיינען נאָך געוועזן אַ היבש ביסל באַאיינפלוסט פונעם דייטשמערישן „יודאַאיזם", וואָס האָט זיך געצויגן נאָך פון דער מענדעלסאָן עפּאָכע. אַגב האָבן זיי אויך געמיינט, אַז זיי וואוינען שוין דאָ, אין דער בוקאָווינע, פון קדמונים; אַזוי איינגעוואָרצלט זיינען זיי געוועזן אין דעם אָרום: אין די בערג, אין די טאָלן, אין דער אָרעמקייט. דאָס איז געווען עפּעס אַ באַזונדער מין אָרעמקייט: ריינע שטיבלעך, ציכטיקע, אויסגעוואַשענע, פאַרלאַטעטע בגדים און... הונגעריקע קינדער.

עס זיינען טאַקע געווען עטלעכע משפחות וועלכע האָבן דאָ געוואוינט אפשר פון קדמונים. דאָס זיינען געווען די גרונט־באַזיצערס, די גוראַלנע־האַלטערס, די מאַגאַזינער און די האַלץ־זעג בעלי־בתים. זיי זיינען געווען אויסגעצווייגטע צוויי משפחות — פרענקלס און ראַפּאַפּאָרטס — וועלכע האָבן מיטן יידישן דאָרף נישט געהאַט קיין שום מגע ומשא. זיי האָבן גערעדט דייטש, געהאַלטן פראַבּצויזישע „גוווערנאַנטקעס" און געלערנט די קינדער „ספּאָרט" און קלאַווירשפּילן; יידישע דערציאונג איז זיי אפילו ניט געקומען אויפן רעיון.

דאָס יידישע דאָרף איז געווען באַזעצט אָרום אַ גרויסן שטח — אַ לאַנקע צעשניטן אין דער מיט דורכן טייך, סערעט. אָרום און אָרום פון דאָרף, צעוואָרפן איבער די בערג האָבן געוואוינט די ניט־יידישע באַפעלקערונג, די רוטענער; אויף נאָך אַ גרעסערן, אָבער געשלאָסענעם שטח, אין דרום זייט פון דאָרף — די שוואָבן.

שמחה מלמד האָט געהאַט אַן עכט־דייטשישן נאָמען: האַלער האָט ער געהייסן; און געשריבן האָט ער זיין נאָמען מיט צוויי למדן, אַזוי ווי מען שרייבט אויף דייטש. נאָר ווער געדענקט דען צי האָט ער בכלל ווען עס איז געהאַט אַ פאַמיליע־נאָמען? אַז ער אַליין האָט זיך געזען ווי שמחה מלמד; זיין וויב, רייזל, האָט אים גערופן „מיין שמחה", און די טעכטער, איידעמס און אייניקלעך, האָבן זיך גערופן: „שמחה דעם מלמד'ס."

יעדן זמן, נאָכדעם ווי די בעלי־בתים האָבן אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס

אָפּצוזאָגן דעם דרדקי־מלמד, האָט מען געזען שמחהן אַ טריאומפירנדיקן שפּאַנען מיט זיינע תלמידים איבער דער גרויסער לאַנקע צו אַ נייעם חדר, אין שטוב פון איינעם פון די בעלי־בתים, אָדער טאַקע צו זיך אַליין, אין זיין אייגן שטיבל.

שמחה האָט זיך אויסגעוויזן פאַרן אויג צו זיין אַ קליין יידעלע. אין דער אמתן איז ער ניט געווען אַזאַ קליינער. ער האָט געהאַט אַ לענגלעכן קאָפּ, אַ בלוילעך פּנים און אַ שיטער, פאַרוויאַנעט בערדל — אַזוי שיטער, אַז מען האָט געקאָנט אָפּציילן יעדער האָר אויף דער גאָמבע. דאָס קליינע הויקערל אויף דער לינקער זייט פּלייצע, האָט אים צוגעגעבן אַ געוויסן חן — ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל ניט זיין. זיין מויל איז תמיד געווען אָפן, אַזויווי ער וואָלט געהאַלטן עפּעס אין זאָגן, כאָטש ער האָט גערעדט זייער ווייניק. זיינע אויגן, אַרויסגעשטאַרצטע פון קאָפּ, זיינען אויך געווען אָפענע, געטרייע. און מיט די אָפענע אויגן האָט ער געוואַכט איבער יעדער קינד אין חדר.

נעמט אַ שטייגער, היינדל, משה מענדלס; ער מוז אים האַלטן נעבן זיך, וואָרים דאָס ייִנגל האָט אַ שאַרף מוח׳ל, אַ פּקח, נאָר לערנען וויל ער ניט. פאַרוואָס זאָל ער לערנען? אַז ער איז דער בעסטער שפּרינגער איבער דער גאַנצער לאַנקע. און מחמת מען רופט אים היינדל, האָט ער זיך אויסגעלערנט קרייען, און ווען מען זאָל זיך אפילו שטעלן אויפן קאָפּ, האָט מען קיינמאָל ניט געקאָנט דערקענען צי קרייעט ער, צי קרייעט עס טאַקע אַ האָן.

פון דער צווייטער זייט זיצט ביי אים צינדל, זיין אייניקל פון דער עלטערער טאָכטער. ער מוז אים האַלטן נעבן זיך, מחמת צינדל איז נאָך אַ יונג קינד און ער האָט אַ טבע זיך צו פאַרהיקען. איז ווי נאָר שמחה באַמערקט דאָס, דערלאַנגט ער אים אַביסעלע וואַסער און אַ פּאָר לאַשטשעוודיקע גלעט איבערן רוקן, גייט עס אים גלייך איבער. און ווען עס גייט אים איבער, צעזינגט זיך צינדל ביים לערנען אַז ס׳איז אַ חיות פאַרן זיידן. וואָס וואָלט שמחה ניט אָפּגעגעבן דערפאַר ער זאָל קאָנען דאָס קינד אָפּגעוואוינען פון היקען?

נעבן היינדלען, דער צווייטער, זיצט זיין ברודער מאָקיע. ער איז פּונקט דער הפך פון היינדלען; אַ קורצער, אַ גראָבער, מיט אַ גרויסן קאָפּ און אַרויס־געשטאַרצטע ציין. ער וואָלט זיך נעבעך זייער שטאַרק געוואָלט לערנען, האָט ער אָבער אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ, און שמחה מוז זען דעם קינד מיט עפּעס צו פאַרגיטיקן, וואָרים מאָקיע איז זייער מקנא זיין ברודער, היינדל.

בויע מיט זוליען דאַרפן זיצן צוזאַמען; אַזוי האָט די מאַמע אָנגעזאָגט. האָט אָבער דער עלטערער, בויע, אַ טבע צו דערלאַנגען דעם קלענערן סטיסקעס אין די זייטן און ער געפינט אַלעמאָל דעם געהעריקן פאַרוואָס. אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז שמחה האָט געמוזט אַריינזעצן צווישן זיי ביידע, פּינחס פּיוויש לייבס; אויך ניט קיין צדיקל, אָבער פאַרט שוין אַן עלטער ייִנגל.

מעכל בלומעס כאָוועט זיך אינגאַנצן אַליין. און ווי ער זעט אויס, כאָוועט ער זיך גאַנץ נישקשהדיק. ער איז אַ פּעטינקער, מיט גרויסע זומער־שפּרענגלעך אויפן פּנים און אַ באַרשט מיט מילך־ווייסע האָר אויפן קאָפּ. ער גייט ביז שפּעט אין ווינטער אַריין באָרוועס. מעכל איז דעם פריערדיקן מלמדס קינד. ר׳ מענדל מלמד האָט די „טשוכאָטקע״, מוז בלומע אַרומגיין איבער די בערג האַנדלען מיט די גויים און שמחה גיט אַכטונג אויף מעכלען.

אַזוי האָט זיך ביי שמחה מלמד אָפּגעצייכנט יעדער קינד מיט זיין באַזונדער־ער כאַראַקטעריסטיק און ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך אַז די באַזונדערע כאַראַקטער־שטריכן פון די קינדער זאָלן זיך ניט אָנשלאָגן איינס אָן ס'אַנדערע, נאָר פאַרקערט: זאָלן זיך דערגאַנצן.

פרי פאַרנאַכט האָט שמחה אָפּגעלאָזט דאָס קליינוואַרג אַהיים און זיך ערשט גענומען צו די בר־מצוה בחורים. בלויז ציע איז געבליבן וואַרטן אויף איר ברודער, פינחס. מען האָט געלערנט די סדרה חיי שרה: „...ויקח את רבקה ותהי לו לאשה ויאהבה...״ — און יצחק האָט געבראַכט רבקהן אין זיין מוטער שרהס געצעלט און האָט זי גענומען פאַר אַ ווייב... זאָגט רש״י — רבי, וואָס זאָגט רש״י? ער דאַרף זי דאָך ערשט נעמען פאַר אַ כלה?...

ביי שמחה מלמד האָט געפלאַמט דאָס פּנים: ווי אַזוי פאַרטייטשט מען דעם דאָזיקן פסוק פאַר די קונדסים? די ליפּן האָבן זיך ביי אים אָנגעגאָסן, ווי ביי אַ זויג־קינד. אַלטער, גאָטעסמאַנס זינדל, אַ בן־יחיד, האָט געוואונקען צו די אַנדערע ייִנגלעך און געוואָלט דווקא מיַן זאָל אים פאַרטייטשן. — וואָס־זשע, רבי, זאָגט רש״י, וואוהין האָט ער זי גענומען? — און געקוקט שמחהן גלייך אין די אויגן אַריין.

שמחהס שיטערע באָרד האָט זיך געטרייסלט פון כעס. דער קנאָפּ אויף זיין אויסגעדאַרטן האַלדז איז געלאָפן אַרויף און אַראָפּ; ער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט און געוואָלט דעם חוצפּהניק דערלאַנגען. נאָר אַ ייד טאָר נישט דינען קיין עבודה־זרה און זיין האַנט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט הילפלאָז ביי דער זייט.

ציע פייוויש לייבס איז איצט אַלט געווען אַכט יאָר. זי איז געזעסן רייטנדיק אויף דער הויכער שוועל מיטן אָפענעם חומש פאַר זיך און זיך צוגעשאָקלט צום ניגון. איר איז קיין זאַך ניט אויפגעפאַלן. ס'איז געווען אַ זעלטן וואַרעמער טאָג. די טיר איז געשטאַנען אָפן און די בלויקייט פון הימל האָט איינדרימלט אין אירע אויגן.

— גיי, ציעטשקע קרויך, ברענג אַריין אַביסל פריש וואַסער פון קוואַל, דאָס האַרץ צו דערקוויקן — האָט רייזל זי אויפגעוועקט ווי פון שלאָף — וועסט האָבן אַ גרויסע מצוה, טאָכטער, די ייִנגלעך לערנען תורה. דאָס וואָס זי האָט אויך געלערנט האָט זיך אינגאַנצן ניט גערעכנט — זי איז דאָך אַ מיידל...

— איכ'ל, איכ'ל — איז מעכל בלומעס אָפּגעשפּרונגען פון טיש און אויס־געכאַפּט דעם עמער.

— גייט ביידע — האָט רייזל אַ קוק געטאָן אויף שמחהן.

ווען ער איז ניט שמחה מלמד, וואָלט ער איצט צוגעגאַנגען, אַרומגענומען זיין ווייב, רייזל און איר אויסגעקושט די צניעותדיקע חכמה פון אירע אויגן. אַזוי שוין געבענטשטע דרייסיק יאָר שטייט זי ביי זיין זייט און העלפט אים אַרויס פון אַלע שווערע פאַרלעגנהייטן. טאַקע איר, און נאָר איר, האָט ער צו פאַרדאַנקען וואָס ער איז מצליח מיט זיין חדר שוין פינף און צוואַנציק יאָר. און ווען ס'ווייזט זיך אויס, אַז דער הימל איז ביי דרערד, אַז ער בלייבט חלילה אָן אַ קנעלונג, שפּאַרן זיך די ווייבער פון דאָרף אַיין, אַז זיי האָבן קליינע קינדער, און אויב די „נגידים״ געפעלט ניט קאָנען זיי שיקן זייערע בנים צום זשאַדעוווער רב אָדער צום סאַדעגערער רבין אין דער ישיבה אַריין. סיווי וועלן די קבצנישע קינדער

ניט דערציען אין חדר לענגער ווי ביז בר־מצוה, דערנאָך וועט מען זיי שיקן קיין טשערנאָוויץ, נישט כדי צו לערנען תורה, נאָר כדי צו לערנען זיין שוסטערס, שניידערס, זאָקן־שטריקער און דינסט־מיידלעך. און יעדער יאָר האָט שמחה מלמד אַ ניי גערעטעניש אין זיין חדר.

איינמאָל, פרייטיק, אינדרויסן האָט זיך געשטעלט דער ווינטער. פרייטיק איז געגאַנגען אַ סדרה פאַרהערן: פאַרהערן די סדרה פון דער וואָך, די הפטורה זומער — פּרקי אָבות און ווינטער — שיר השירים. פרייטיק איז שמחה מלמד שוין געוועזן שבתדיק אויפגעלייגט. ער איז זיך געזעסן אָנגעלענט אין זיין שטול אַזוי ווי אויף אַ הסב־בעט און האָט זיך איבערגעגעבן דער הנאה פון לערנען.

דאָס חדר איז געווען פול, איבערגעפּאַקט. שמחה מלמדס שטיבל איז ניט געווען איבעריק גרויס, ובפרט אין אַ טאָג ווען אַלע ייִנגלעך קומען זיך צענויף אין דערזעלבער צייט. פאַר ציען איז ניט געווען קיין פּלאַץ אפילו אין אַ ווינקל זיך אַוועקצוזעצן. אַגב, ציע איז דאָך אַ מיידל, זי פאַרהערט מען ניט, איז ווען גייט עס אָן צי זי האָט וואו צו זיצן צי ניט? דער עיקר זיינען די ייִנגלעך... נאָר ציע איז געווען זייער דערפינדעריש. זי האָט געפונען פאַר זיך אַ פּלאַץ אויפן שטאָלן אונטערן טיש, און זיך דאָרט אַוועקגעזעצט.

שיר השירים האָט באַזונדערס צעפּייערט די מוחלעך פון די קינדער; און נישט אַזוי צוליבן אינהאַלט ווי צוליבן באַוואוסטזיין אַז תיכף דערנאָך ווערט מען פריי און אין דרויסן איז נאָך האַלבער טאָג. דערקעגן ציען האָט געלאָקט דער ניגון פון שיר השירים. עפּעס האָט דער דאָזיקער ניגון געטאָן צו דעם געמיטל פונעם מעלאַנכאָלישן קינד, וואָס איז געווען אַזוי גלעטנדיק, אַזוי היילנדיק.

... ישקני מנשיקות פיהו, כי טובים דודיך מיין. — נישט אַזויווי די אומות העולם קושן זיך פון האַנט צו האַנט אָדער פון אַקסל, נאָר ער זאָל מיט אונדז ריידן פה אל פה, אַזויווי בשעת מתן תורה... — אַזוי האָט דער רבי אויסגעטייטשט.

פרעגט ציען וואָס דאָס איז אַזוינס אומות העולם, אָדער ווער עס זיינען די אומות העולם? פרעגט זי בחרם. דערקעגן האָט זי יאָ געוואוסט דעם באַטייט פון מתן תורה. און ס'איז געווען דער אומבאַגרעניצטער כוח פון קינדערישער פאַנטאַזיע, וואָס האָט געקאָנט, זיצנדיק דאָ אויפן שטאָלן, צווישן בריקענדיקע פיסלעך און נאַסע שיכלעך, אויספאַנטאַזירן די אַלע בילדער פון שיר השירים. נאָר אויף איין זאַך האָט זי זיך אָפּגעשטעלט: וויאַזוי זעט אויס אַ טערקל־טויב? ווייטער איז איר אַלצדינג געווען „קלאָר"...

ציע האָט ניט געהערט ווען די ייִנגלעך האָבן געענדיקט דאָס לערנען, צוזאַ־מאַכט די ספרים און האָבן בלויז געוואַרט דער רבי זאָל אַ וואונק טאָן אַז מען מעג שוין — גיין אַהיים, הייסט עס. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט ציעס קולכל פון אונטערן טיש: הנך יפה רעיתי הנך יפה.. און די ייִנגלעך האָבן אַרויסגע־פּלאַצט מיט אַ געעלכטער. שמחה האָט אַרויסגעצויגן דאָס קינד פון אונטערן טיש. ס'האָרץ האָט אים אַזש פאַרקלעמט פון ליבשאַפט און רחמנות. ער וואָלט זי גענומען אויפן שויס און זי איינגעטוליעט צו זיך טאַקע ווי אַ טייבעלע. נאָר ער האָט באַמערקט אַז ציען בייטן זיך די קאָלירן אין פנים: זי ווערט רויט, דערנאָך בלאַס, דערנאָך ווידער רויט. האָט ער זיך גאָר אַ נעם געטאָן צו די ייִנגלעך:

— אַנו, בחורים, לאָמיר נאָר זען צי וועט איר מאָרגן זיין אַזעלכע חכמים, ווען דער דיין וועט קומען פאַרהערן. דערהערט אַז דער דיין וועט קומען פאַרהערן, האָט מען זיך אַרויסגערוקט שטיל, ווי די לעמעלעך.

ציע איז יענעם נאָכמיטאָג נישט געגאַנגען אַהיים מיט פינחסן. זי האָט זיך פאַרנומען מיטן קורצערן וועג וואָס איבער דער קלאָטקע. זי האָט זיך אָנגעהאַלטן מיט איין האַנט אָן דעם פאַרענטש און האָט אַראָפּגעקוקט צו די פישלעך, וואָס האָבן געשטיפּט אין וואַסער. זי האָט דערקענט אָן זייער יאָגן זיך איינס נאָך ס'אַנדערע, אַז זיי זיינען הונגעריק, און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי איז אויך הונגעריק.

פרייטיק איז געווען גאָר אַ באַזונדערער טאָג פון הונגער ביי די יידישע קינדער פון דאָרף (ביי די גויאישע אויך, אַ חוץ די שוואָבן). ציע מיט פינחסן זיינען געווען צווישן די געציילטע קינדער וועלכע זיינען געגאַנגען אַ האַלבן טאָג — פון אַכט ביז צוועלף — אין דער דייטשישער שול, און גלייך דערנאָך זיינען זיי געלאָפן אין חדר אַריין צום פאַרהערן. ווען־זשע האָבן זיי געזאָלט עסן? און וואָס האָבן זיי געזאָלט עסן? אַז פון דער וואָך איז ניט געבליבן קיין ביסן ברויט און דעם מאַלאַי (קוקורוזע ברויט) האָט די מאַמע נאָך אַפילו ניט געהאַט אַריינגערוקט אין אויוון אַריין.

ציע ווייסט נישט ווי לאַנג זי איז אַזוי געשטאַנען אויף דער קלאָטקע און זיך דורכגערעדט מיט די פישלעך: „סקערביקל", גיב אַ קוק, דאָרט קריכט אַ ווערימל, כאַפּ עס. וואַרט דו נאַריש פישל ביז די פליג וועט זיך אָפּשטעלן אויפן וואַסער, וועסטו זי דעמאָלט כאַפּן..." פלוצלינג האָט איר אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן, די פאַרענטש האָט זיך אָפּגעבראָכן צוזאַמען מיט איר און שוין, מער ווייסט זי ניט. זי ווייסט אפילו ניט צי ס'האָט עפּעס פּאַסירט און פאַרוואָס מען איז זיך דאָ אַזוי צענויפגעלאָפן? זאָל עס זיין הערפּאַר וואָס מען האָט זי געכאַפּט זינגען שיר השירים?

איבער איר איז געשטאַנען דער טאַטע, איינגאַנצן אַ נאַסער; זיין רויטע באָרד האָט אויסגעזען, ווי די פעדערן פון זייער רויטן האָן. שמחה מלמד האָט איר גע־ווישט די האָר אויפן קאָפּ און האָט איר אַריינגעהויכט זיין וואַרעמען אָטעם אין די הענטלעך. אַ רחמנות איז בלויז געווען אויף דער מאַמען. זי איז געשטאַנען מיט פאַרוויינטע אויגן און זיך געבעטן ביי איר רחמים: — טאָכטער, כשרע נשמה מיינע, נעם אַביסעלע איינגעמאַכטס... ציע האָט זייער געוואָלט צוליב טאָן דער מאַמען, נאָר זי האָט עפּעס ניט געקאָנט פאַנאַנדערנעמען די ציינדלעך.

אין דער זייט איז געשטאַנען פינחס, איינגאַנצן אַ פאַרשולדיקטער, און האָט נערוועז געצויגן מיט דער נאָז. און וואָס האָט ער דען געטאָן, וואָס? ער איז בלויז אַהיים געגאַנגען אָן ציען. ער קאָן זיך ניט שטענדיק מיט איר אַרומפירן...

פלוצלינג האָט עפּעס נאָכגעלאָזט און זי האָט קוים הערבאַר אַ מורמל געטאָן: מ אַ מ ע. דער אייביק שטרענגער פאָטער, מיט דער בייזער רויטער באָרד, האָט אויסגעשריען: „פרימצע, מיר האָבן אונדזער טאָכטער, מיר האָבן אונדזער קינד. יידן, לאָמיר גומל בענטשן!

נאָך קיינמאָל האָט ציע ניט געזען איר רבי אין אַזאַ ליכט, אין אַזאַ התלהבות.

**מרים מעלצער**

# די מאַמע

די זון איז פאַרגאַנגען, דער טאָג מיטגענומען,
געקומען די נאַכט אין געוועב פון איר טרוים:
די פייגל שוין לאַנג צו די נעסטן געקומען,
מיט שטילע טרילן, זיי זינגען אויפן בוים.

אין דער אַלט־קליינער שטיבל, צווישן די ביימער,
ניט געקלערט פון טעג־טעגלעכע זאָרגן,
אַז אין גאָרטן די ביימער מיט זאַפטיקע פּירות —
איז צו וואָס זאָרגן פאַרן קומענדן מאָרגן?

עס זיצט די מאַמע, שטיל און פאַרחלומט,
זי קוקט טיף אריין אין דער בלוי־שטילער נאַכט;
די בלאַסע לבנה, באַזילבערט איר פּנים,
עס שפּיגלט די מאַמע אין איר געטלעכן פּראַכט.

געדאַנקען שיינען איר אויף, ווי זון נאָך אַ רעגן,
זיי דערמאָנען אָן ציַיטן, שוין לאַנג, לאַנג אַוועק;
טרוימען פאַרגעסענע, זיי קומען איר אַנטקעגן,
טרוימען באַצויבערטע, אַזוי ריין אָן אַ פלעק.

טרויער מיט פריידן, מישן זיך צוזאַמען,
ווי טויבן די יאָרן, זיינען געפלויגן פאַרביי,
שאָטנדיקע און העלע, דערמאָנט עס דער מאַמען,
איר יוגנט שווימט אויף ווי אַ חלום פון־דאָס־ניי.

---

ווי בעת ער האָט אויסגעזונגען מיט אַ קול, ווי אַ וויינענדיק פידעלע: ברוך אתה... שעשה לנו נס, אַ, נס גודל, במקום הזה...

* * *

ציע האָט דערפילט, אַז זי האָט דאָ אָפּגעטאָן עפּעס אַ געוואַלדיקע זאַך. אַזאַ זאַך וואָס אַ מיידל דאַרף נישט טאָן. און ווען אַלע זיינען זיך שוין פאַנאַנדער־געגאַנגען האָט פרימצע געבענטשט ליכט, און פּיוויש לייב איז געגאַנגען צום מנין; איז ציע געפאַלן דער מאַמען אויפן האַלדז און האָט זיך צעוויינט:

— מאַמע, איך וועל שוין מער נישט. איך וועל שוין מער נישט...

חנה בושעל־סאַלאָוו

## דער דיכטער

אָ, ווער קען אַזוי ליבן
און דעם ווי דערהערן ?
און ווער קען אַזוי בענקען
אונטער זון און שטערן ?

אַרומנעמען מיטן בליק,
די בלויע בערג אַרום !
אין פרייד און אין טרויער,
אַזוי שטיל, אַזוי שטום ? . . .

צום הימל די אויגן,
צו די שטערן געווענדט!

ס'האָט די בלויע נאַכט
דעם דיכטער דערקענט !

אין ווייסן באַגינען,
צווישן שטראַלן און ביימער,
עס וואַנדערט דער דיכטער
און אַרום מער קיינער!

און בלומען באַגריסן,
און עס שמייכלען די צווייגן —
און גאָט בליקט אַרונטער,
און זון לויכט אין שווייגן !

ליליען האַמער

## אַ צאַפּל און אַ פאַל

קליינע גרויע ווערימלעך
צופּן גרינע בלעטעלעך,
שאַרפע ציינדעלעך,
גיריקע אייגעלעך,
רייסן, בייסן שטיקער
פון זייער גוף. . .

אַ צאַפּל פון אַ בלעטעלע,
אַ קרעכץ . . .
אַ ריס און אַ שטאָך,
און פון די קליינע אָדערלעך
טראָפּנס בלוט
גיט פון זיי אַ גאָס . . .

אויף די הייכן שטייען
טייבעלעך,
מיט הונגעריקע אייגעלעך,
און קוקן צאַרט אַראָפּ. . .

סמאָטשקען מיט די שנעבעלעך,
לעקן מיט צינגעלעך—
און מיט צעפּאָכעטע פליגעלעך
פליען צוויי אָפּ.

קלייבן אויף די ווערעמלעך,
ערשט פון גראָז אַראָפּ...
און צעפליען זיך מיט אַ
פרייענדיקן רוף.
און אויף אַ שטיבעלע אין פעלד
זיך אָפּגעשטעלט פאַר רו.

אַ האַנט, אַ ביקס;
מיטן צינגל אַ דריק,
שיסט פון דאָרט זיי אַראָפּ . . .

אַ צאַפּל און אַ פאַל. . .
שוועבן זיי ווי שאָטנדלעך
בלוטיק אין דער לופט —
און ווי ליידיקע שמאַטקעלעך
פאַלן זיי אַראָפּ. . .

ווי דאָס ווערימל,
דאָס בלעטעלע,
דאָס טייבעלע,
דאָס ווערימל,
און דער מענטש —
דאָס טייבעלע פאַרצוקט. . .

יצחקי

# מחשבות בקול

## (מכוח אונדזער יידישע יוגנט)

דאָס פּראָבלעם יידישע יוגנטלעכע אין אַמעריקע איז תמיד געווען אויף דעם סדר־היום פון אונדזערע יידיש־קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס; מען האָט תמיד געמאָנט פון זיך אַ חשבון־הנפש בשייכות מיט אָט־די טויזנטער יידישע תלמידים, וואָס זיינען אַדורכגעגאַנגען אונדזערע יידישע שולן, במשך די אַלע יאָרן פון די יידיש־וועלטלעכע שולן? וואו זיינען זיי? אויף וועלכע וועגן זיינען אַוועק? וואָס לאָזן זיי זיך ניט זען? האָבן מיר דען ניט געבויט אונדזער האָפענונג אויף אָט־דער שול־יוגנט? אַז זיי וועלן ביכולת זיין צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון עלטערן דור; איבערנעמען די פירערשאַפט און ממשיך זיין די גרויסע און וויכטיקע אַרבעט פאַר אונדזער יידישער קולטור?

אָט־די פראַגן באַאומרואיקן ניט ווייניק דעם יידישן אַקטיוון שול און קולטור טוער, דעם ערנסטן שריפטשטעלער און דענקער.

אַוודאי זיינען פאַראַן גרינטלעכע סיבות פאַר אָט־דעם פאַרוואָרלאָזטן מצב. די עיקר־סיבה, האַלט איך, באַשטייט אין דעם, וואָס די יידיש־וועלטלעכע פעריי־פעריע איז אַ באַשרענקטע און דערצו נאָך צעברעקלט, אַז די השפּעה איז זייער אַ קליינע, הן אויף די עלטערן און נאָכמער אויף די יוגנטלעכע. אונדזערע רייד און מיינונגען פאַר באַציאונג צום יידישן וואָרט, קולטור, יידיש לשון און יידישער קיום פאַלן אויף האַלב־טויבע אויערן.

דער אַקטיווער יידישער אינטעלעקטואַל, דער יידישער שריפטשטעלער און קולטור־עסקן, וועמען ס'איז נאָענט די יידיש־גייסטיקע אינטערעסן פון פאָלק און זיין ווייטערן קיום; דער וועלכער האָט אַליין ניט ווייניק צוגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון דעם מאָדערנעם יידישן קולטור־לעבן און יידישן שול־וועזן; אים איז ניט אַזוי גרינג צו צוזען דעם באַרג אַראָפּ פון זיינע וויזיעס און האָפענונגען. דער קען ניט אָפּקומען מיט אַ שטילן זיפץ אָדער קרעכץ; ער קען אויך נישט באַהערשט ווערן פון אַ כלומרשט רעליגיעז געפיל, און זיך אַ קער טאָן צום רעליגיעזן גלויבן פון וועלכן ער איז אַ לעבן־לאַנג געווען אויסגעטאָן. ער קען אָבער אויך ניט גלייכגילטיק צוקוקן צו אָט דעם מצב און שווייגן. פון אים רעדט אַרויס אַ צעבלוטיקט האַרץ און אַ צעוויטיקטע נשמה. אָבער, באין אופן ניט אַ געפיל פון יאוש . . .

זוכט ער נאָך אַלץ דעם וועג צו דער יוגנט — אָט־די יורשים אונדזערע, וואָס דאַרפן איבערנעמען די גייסטיקע ירושה—אונדזער יידישע קולטור פון דורות.

דיסקוטירט מען דעם איצטיקן קולטור־מצב, דעם יידישן חינוך; מען זוכט, מען חקירהט, אויך מיט ניט ווייניק פּילפּול; טייל באַשולדיקן אונדזער יונגן דור, פאַרוואָס ער האָט ניט קיין אינטערעס פאַר אונדזערע אידעאַלן און אַספּיראַציעס; אַנדערע ווידער טענהן, אַז שולדיק איז דער עלטערער דור, וואָס האָט די אייגענע קינדער פאַרזען, געלאָזט זיי וואַקסן ווי ווילד־גראָז, הגם אַליין געזוכט צו ראַטעווען די גאַנצע וועלט; און גאָר אַנדערע ווילן האָבן, אַז די עלטערן זיינען געוואָרן

שקלאַפּן ביי די קינדער, גלעאָזט זיך פון זיי פּירן און אַלץ זיי נאָכגעגעבן, דעריבער איז די השפעה אויף זיי אַ בוליקע... און, וואָס שייך אונדזער יידישע שול, איז זי אַ בעל־כורחיקדיקע, כמעט מיט גוואַלד אַרויפגעצוואונגענע אויף אונדזער „קליינוואַרג", דעריבער איז זי אַזוי בלוט־אָרעם, ניט דערגאַנצט; יידיש וויסן אויפן שפּיץ־מעסער. דער פּועל־יוצא איז, אַז מיר האָבן אין די שולן ניט קיין איכות און ניט כמות.

לעצטנס האָט אַ שיין־געטאָן אַ שטיקל האָפענונג: אפשר וועט די ישועה קומען דורך די יידישע „צענטערס" איבערן לאַנד, אויף וועלכע מ'האָט געהאָפט, אַז די יידישע יוגנט ווערט דאָרטן צוגעצויגן צוליב זייער ספּעציפישן יידישן כאַראַקטער; זיינען אָבער די פּראָגראַמען וואָס ווערן דאָרטן דורכגעפירט פאַר דער יידישער יוגנט, ווייט פון יידישן תוכן און אומבאַדייטנד.

אָט איז אין לאָס אַנגעלעס דעם זומער אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון די פּראָפעסיאָנאַלע, יידיש־קאָמונאַלע אַגענטורן, וואָס גיבן זיך אָפּ אין די צענטערס מיט כלערליי יידישע טעטיקייטן. אַרום טויזנט דעלעגאַטן, מענער און פרויען, האָבן זיך באַטייליקט אין דער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ, אויף וועלכער עס זיינען דיסקוטירט געוואָרן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט יידיש לעבן אין אַמעריקע. איז דאַכט זיך גוט!...

אָבער... ווען מען אַנאַליזירט די באַריכטן און דעם סדר פון די אַקטיוויטעטן ביי די יוגנטלעכע, וואַרפט עס אַן אומהיימלעך ליכט אויף דעם מצב פון יידיש דענקען און יידיש באַוואוסטזיין.

פון די באַריכטן דערוויסן מיר זיך, אַז פּופּציק פּראָצענט פון די יוגנטלעכע שליסן זיך אָן אין די צענטערס צוליב דעם געזעלשאַפטלעכן מהות; ס'איז מער אַן אָרט פאַר פריינדלעכע פאַרבינדונג.

נאָך אַן אַספּעקט וואָס איז ווערט צו פאַרצייכענען, אַז דער רוב יידישע בחורימלעך זיינען גענייגט „אויסצוגיין" מיט ניט־יידישע מיידלעך. די מערסטע זיינען פאַראינטערעסירט אין „ספּאָרט." דער אינטערעס פון די יידישע יוגנטלעכע אין יידישקייט, בעיקר יידיש־קולטורעלע טעטיקייטן, זעט אויס צו זיין אַ גאַנץ מינימאַלער. דאָס איז, לויט דעם באַריכט פון דער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון די צענטערס איבערן לאַנד.

ס'איז באמת צום באַדויערן וואָס די צענטערס, וועלכע האָבן די פאָנדן צו אָפּערירן אויף אַ גרויסן אַלזייטיקן פאַרנעם, זאָלן זיין אַזוי גלייכגילטיק צו יידיש־גייסטיקע ענינים פאַר אונדזער יוגנט.

ס'איז גאָר קיין ספק ניט, ווען די דירעקטאָרן און פירערשאַפט פון די צענ־טערס וואָלטן אַליין געווען גענוג פאַראינטערעסירט אין יידיש־גייסטיקע ענינים און פּראָבלעמען, וואָלטן זיי בלי שום ספק געקענט משפּיע זיין אויף דער יוגנט מיט אַ נאָענטן אינטערעס פאַר יידיש־גייסטיקער באַוואוסטזיניקייט און אַ ברייטערע יידישע אַקטיוויטעט.

ווי עס זעט אויס איז עס ווייט פון דעם! ס'וואָלט אַוודאי געקענט זיין בעסער, ווען... מיר וואָלטן דערצויגן און צוגעגרייט אַ יידיש־באַוואוסטזיניקע יוגנטלעכע פירערשאַפט.

# ח. ש. קאַזדאַן וועגן י. באַשעוויס

ה. ש. קאַזדאַן שרייבט אין דעם חודש-שריפט „פּאַראָויס" (מעקסיקאָ), מכוח אַן אינטערוויו וואָס י. באַשעוויס האָט געלאָזט אָפּדרוקן אין נאָוו. נומער פון „קאָמענטאַרי". קאַזדאַן האָט אין זיין לענגערן אַרטיקל אַרויס-געהויבן אַ סך טענות און אויסזעצונגען קעגן באַשעוויסעס אופן און פאָרמולע, ווי ער גיט עס איבער אין זיין אינטערוויו. קאַזדאַן ברעגט: „וואָס לערנט אונדז דער אינטערוויו? העלפט ער אונדז צו באַנעמען דעם מהות און כאַראַקטער פון באַשעוויסעס שאַפונג? העלפט ער אונדז צו פאַרשטיין די מאָדערנע יידישע ליטע-רטור בכלל?"

קאַזדאַן קומט צו דער מסקנא, אַז קיין ליטעראַטור קען זיך ניט צופרידנ-שטעלן מיט באַשעוויסעס פאָרמולע: „ליטעראַטור און קונסט, זאָגט קאַזדאַן, מוז האָבן אַן אידייע, אַ געדאַנקען-פאַרמעסט, אַ פאַרטיפטע שטימונג. דאָס איז אַן אַלטער אמת." און ער ברענגט אַ מוסטער פון באַשעוויסעס לעצטע גרויסע נאָוועלע: „אַ שיף קיין אַמעריקע":

„זיין שיף שווימט אויף די כוואַליעס פון אָקעאַן איזאָלירט פון דער וועלט אַליין פאַר זיך. דער „העלד" פון דער דערציילונג לעבט נאָר מיט זיך, מיט זיינע פירונגען און איינפאַלן. האָט ער עמיצן ליב? קיינעם ניט. טוט אים ווי דאָס האַרץ פאַר עמיצן? האָבן זיינע האַנדלונגען וועלכע עס איז אינערלעכע שייכות צו דער היסטאָריש-טראַגישער צייט אין די ראַמען פון וועלכע די שיף לויפט?... אפילו דער „סעקס" איז דאָרט ביי אים נישט קיין ענין פון איבערלעבונגען, טעמפעראַמענטפולע אָנגריפן, טרוימען... יעדע פרוי (חוץ די ניו-יאָרקער קוזינע) מיט וועלכער ער באַקענט זיך, נעמט באַלד אים אַריין צו זיך אין בעט. דער גאַנצער „העלד" פון דער נאָוועלע איז אַ בטלן, אַ טויגעניכץ, אַ צעקראַכענער אינטעליגענט. און דאָס טרויעריקסטע איז, וואָס באַשעוויס שטעלט אים נאָך אַרויס ווי אַ מין „בייער מענטש" וואָס שטייט העכער איבער דער גאַנצער סביבה...

נו, איז דאָ ניט שייך די טיפע חכמה און תורה, וואָס באַשעוויס ברענגט אַרויס פאַר זיינע אינטערוויוער. כידוע איז ער אַ כופר אין אַלץ, מעג מען זאָגן, חוץ זיין פילאָזאָפיע וואָס איז געבויט אויף כלומרשט איבערנאַטירלעכע כוחות און גייסטער. "זיינע שליחים זיינען נישט די גוטע יצר-טוב'דיקע מלאכים, נייערט טייוואָלים און אַלדאָס-בייזיקע לצים. אַנשטאָט דירעקטע קאָנטאַקטן מיטן מענטשן און זיין נשמה — אומדירעקטע רייד פון לאַפיטוטן און שוואַרצע חברה"...

„באַשעוויס צוגאַנג צו ליטעראַטור — קומט קאַזדאַן צום אויספיר— שטימט נישט מיטן דרך המלך פון דער ליטעראַטור-שאַפונג אויף דער וועלט און ביי יידן בפרט... אַלע גרויסע וואָרט-מייסטערס זיינען יאָ באַהערשט פון אומרו צוליבן ,אייביקן קוקווינקל פון גוט און שלעכט." דאָס איז וואָס עס מאַטערט דעם קינסטלער. און דאָס איז וואָס עס דערהויבט די ליטעראַטור און מאַכט זי פאַר אַ מעכטיקן אינסטרומענט פון מענטשישער עטיק און גייסט. דאָס איז וואָס עס גיט דער שיינער ליטעראַטור פליגלען צו שוועבן אין די העכסטע הימלען."

לײדער איז אָט-דער אויבנדערמאָנטער אמת ניט די פאָרמולע און באַציאונג פון י. באַשעוויס צו ליטעראַטור און שיין-גייסטיקער שאַפונג.

א. כראַבאַלאָווסקי

# צווישן צייטונגען און זשורנאַלן

דער פינף־און־צוואַנציקסטער יאָרצייט פון איינעם פון אונדזערע גרעסטע דיכטער, א. ליעסין, איז פאַרשטייט זיך אַ דאַטע וועגן אים צו שרייבן און דערמאָנען. האָט צווישן אַנדערע אויך אבא גאָרדין, איצט אין ישראל, וועגן אים געשריבן אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע" און מיט פאַקטן און עדות באַוויזן, אַז א. ליעסין האָט זיך אַליין גענומען דאָס לעבן. אַ גאַנצע רייע שריפטשטעלער, וואָס זיינען געווען נאָענט צום דיכטער, האָבן קעגן דעם פּראָטעסטירט. צוו"א האָט אויך ד. שוב געשריבן אין „פאָרווערטס":

„אבא גאָרדינס אַרטיקל האָט מיך אַזוי שטאַרק אויפגערעגט... ווען איך האָב איבערגעלייענט האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז אַבא גאָרדינען האָט זיך אויף דער עלטער מסתמא געמוזט חלומען, אַז ליעסין אין באַגאַנגען זעלבסטמאָרד."

אין אַן ענטפער אַלע זיינע קריטיקער, האָט אבא גאָרדין אין אַ צווייטן אַרטיקל אין דער פא"ש פון 1טן מערץ ד"י צוו"א געשריבן: „דער אַקט פון זעלבסטמאָרד וואַרפט ניט דעם קלענסטן טונקעלן שאָטן אויף דער פּערזענלעכקייט פון טויטן. דאָס איז נישט קיין פלעק אויף דער רעפּוטאַציע פון טויטן, וואָס האָט געהאַט די פולע רעכט אַוועקצוגיין."

אין לאָס אַנדזשעלעס אויפן צוזאַמענקונפט פון פּע"ן־קלוב, האָט דער נאָוועליסט נח גאָלדבערג און דער באַקאַנטער שריפטשטעלער הערי לאַנג, אויספירלעך גערעדט וועגן לעבן און שאַפן פון א. ליעסין, און ביידע נאָענטע פריינט פון דיכטער, האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעלייקנט אַבא גאָרדינס ווערסיע וועגן זיין טויט.

לאָמיר צוגעבן, אַז די אַלטע יידישע מאָראַל האָט פאַרמשפט זעלבסטמערדער מיט דער שווערסטער שטראָף—„אין לו חלק לעולם הבא." די נייע יידישע דורות, מיר אַלע, האָבן דעם דאָזיקן מאָראַלישן יסוד פון זיי איבערגענומען און עס געטראָגן אין זייער געמיט. איז דאָ ניט די פראַגע וואָס אַבא גאָרדין פּערזענלעך טראַכט, נאָר וואָס דער דעת הקהל, די יידישע עפנטלעכקייט טראַכט וועגן דעם. און די יידישע עפנטלעכקייט האָט אַבאַ גאָרדינס אַרויסטריט פאַרמשפט.

## קולטור-יובילייען

אין סעפּט. 1963 איז פאַרגעקומען דעם 45 יאָריקער יובל פון די אַרב. רינג שולן. דער אָקטאָבער נומער „קולטור און דערציאונג" איז געווידמעט דעם יובל. אין אַן אַרטיקל פון לערער ז. שער א"נ: „דער אָנהייב", דערציילט ער וועגן קאַמף, וואָס געציילטע מענטשן האָבן געפירט לאַנגע יאָרן איידער דער אַרב. רינג האָט געשאַפן די ערשטע שול. צווישן די פיאָנערן זיינען געווען: מ. פיינערמאַן, א. ראַפּאַלסקי, דוד אייבראַמס, ס. דראַפּקין. שפּעטער זיינען צוגעקומען: ב. כאַנין און מאָריס שאַפּיראָ. אַקטיוו אין קאַמף פאַר אַ יידישער שול זיינען אויך געווען: ד"ר ח. זשיטלאָווסקי; די פאַרטרעטער פון ס. ט. אַ"ר בערענטש, דער נאָוועליסט מ. שעלובסקי און דער דיכטער־עסייאיסט אהרן גלאַנץ־לעיעלעס. דער קאַמף פאַר די שולן האָט זיך אָנגעהויבן אין 1911-1912. די ערשטע שול איז געשאַפן געוואָרן אין 1919.

אין אַן אַרטיקל פון דערמאָנטן זשורנאַל שרייבט זלמן יעפּרויקין וועגן די ענדערונגען וואָס זיינען אין משך פון דער צייט פאָרגעקומען אין די שולן. דער עיקר — די איצטיקע שולן פון אַ״ר באַשטייען שוין צומיינסטנס פון דריטן דור יידן אין אַמעריקע און די גרעסטע טייל פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון די שולן זיינען די עלטערן פון צווייטן דור, וואָס האָבן אַליין געלערנט אין אַ יידישער שול.

אין אַ צווייטן אַרטיקל פון „קולטור און דערציאונג שרייבט ז. י. וועגן די דערגרייכונגען פון יידישן קולטור־קאַמף אין אַמעריקע און דערמאָנט די דריי פּאָעטעסעס, שילערינס פון די אַ״ר שולן: לאה יאַרוס, רחל פישמאַן (תל־אבאב) און שרה צוויג. די לעצטע האָט פאַרעפנטלעכט אַ בוך יידישע פּאָעזיע מיט ענגלישע איבערזעצונגען.

## פופציק יאָריקער יובל פון די שלום־עליכם שולן

אין דעצ. 1963 האָבן די שלום־עליכם שולן געפייערט זייער 50 יאָריקן יובל. ש. גוטמאַן, גענעראַל סעקרעטאַר פון ש״ע אינסטיטוט, האָט פאַרעפנטלעכט אין „אויפן שוועל״ פון יאַנ.־פעב. ד״י זיין רעדע, געהאַלטן ביים ש״ע באַנקעט צ״אַ:

„דער גרויסער רוב עלטערן אין די ש״ע שולן זיינען הי געבוירענע, הויך געבילדעטע, ליבעראַלע יידן. זיי ווילן אַז זייערע קינדער זאָלן דערצויגן ווערן אויף דעם באַלאַנסירטן פּראָגראַם פון די שולן, וואו אַלטע און נייע קולטור, יידיש און העברעאיש, תנ״ך און די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור לעבן צווישן זיך אין האַרמאָניע.

ווייטער שרייבט ש. ג. וועגן ווערט פון יידיש און יידישע ליטעראַטור און ציטירט די רעדע פון פרעזידענט דזשאָן פ. קענעדי, געהאַלטן עטלעכע וואָכן פאַר זיין טראַגישן טויט. מיר ברענגען דאָ נאָר עטלעכע שורות דערפון:

...„מאַכט קאָרופּטירט — פּאָעזיע רייניקט, ווייל קונסט שטעלט פעסט די מענטשלעכע גרונט־אמתן, וואָס דאַרפן דינען ווי יסודות פאַר אונדזער שכל״...

אין דעם זעלביקן גייסט האָט י. ל. פרץ מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק אָנגעוויזן אויף דער שלוחות פון יידישן קינסטלער — — — און זעט, אַדרבא, ווי אָנגעמאָסטן עס איז דעם פּרעזידענטס קענעדיס און י. ל. פרצעס דעפיניציע פון קונסט אויף לייוויקס שאַפן:

כ׳ווייס ס׳איז ניט די צייט היינט פון סאָנעטן —
עס איז די צייט דאָך פון קאַנאָן און טאַנק,
דער מענטש איז פינצטער און קראַנק.
נישטאָ צו וועמען שטרעקן זיך, צו וועמען בעטן.
מיין האַרץ פונדעסטוועגן זינגט אויס אַ דאַנק,
וואָס אונטערן באַרג פון הענקערשע דעקרעטן —
נאָך צאַפּלט זיך דער טרוים פון פּאָעטן —
דער מענטש וועט ליכטיק זיין ווי גאָטס געדאַנק.

## דער 75 יאָריקער געבוירנטאָג פון א. לעיעלעס גלאַנץ

אין „טאָג־מאָגן־זשורנאַל״, וואָס דער בעל־יובל איז אַ מיטאַרבעטער זינט ס׳איז דערשינען דער ערשטער נומער פון דער צייטונג, איז פאַרעפנטלעכט

אַ קורצע ביאָגראַפיע פון זיין ליטעראַרישן יחוס און יידישן קולטור־קאַמף.

אין 1905 איז אהרן טוביה גלאַנץ־לעיעלעס געקומען קיין לאָנדאָן. אין 1909 האָט ער עמיגרירט קיין אַמעריקע און פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט צווישן די פירער פון דער סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג. ער האָט זיך אָנגעהויבן באַטייליקן אין די דעמאָלטדיקע יידישע צייטשריפטן און גלייכצייטיק געווען איינער פון די פיאָנערן פון דער יידיש־וועלטלעכער שול. אין 1918 איז דערשינען זיין ערשטע לידער־זאַמלונג, „דער לאַבירינט״. אין 1919 האָט ער אינאיינעם מיט יעקב גלאַטשטיין און נ. ב. מינקאָוו ע״ה געגרינדעט דעם „אינזיך״. זינט דעמאָלט איז א. גלאַנץ איינער פון די הויפּט וואָרט־זאָגער אין דער יידישער דיכטונג און האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט אַ רייע ווערק אויף די געביטן פון פּאָעזיע, דראַמע און עסייאיסטיק. ער איז גלייכצייטיק איינער פון די הויפּט־פּובליציסטן אין דער יידישער זשורנאַליסטיק און אידעאָלאָג פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור־באַוועגונג.

דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס האָט דורכגעפירט אַ גרויסע פייערונג לכבוד זיין 75 יאָריקן יובל. לאָס אַנגעלעסער קולטוריסטן און „חשבון״ שיקן איבער פלאַמיקע גרוסן צום חשובן בעל־היובל.

## אין פאָלק־שול פון אינסטיטוט פאַר יידישער דערציאונג

דעם פאַרגאַנגענעם פסח זיינען אין דער פאָלק־שול פון אינסטיטוט פאָרגעקומען צוויי סדרים; איינעם מיט די קינדער פון דער נאָכמיטאָג־שול, צוגעגרייט פון דער פּריציפּאַל־לערערין, מרים הערשבערג, מיט דער הילף פון דבורה קאָמיסאַר און מלכה שאַ, ביידע לערערינס. די עלטערן פון די קינדער האָבן צוגעגרייט אַ יום־טובדיקן מאָלצייט און די קינדער האָבן אָפּגעריכט דער סדר אין צוויי שפּראַכן: יידיש און העברעאיש, אויף אַ זייער אימפּאָזאַנטן אופן; זיי האָבן געזונגען אַלע לידער אונטער דער לייטונג פון מלכה שאַ, געזאַנג־לערערין, און געליינעט פון אַ ספּעציעל־צעגעגרייטער הגדה פון מרים הערשבערג.

דער צווייטער סדר איז אָדורכגעפירט געוואָרן מיט די קינדער פון דער „נורסערי״ און קינדערגאָרטן, צוגעגרייט פון גינה אַסטאָר, חנה אמיר און נוגה דאַפנער. די קינדער האָבן געבאַקן זייערע אייגענע מצות, אויפגעשטעלט זייער אייגענעם ראָזשינקע־וויין און אויף אַ וואונדערבאַרן אופן געפּראַוועט דעם סדר מיט געזאַנג און שפּיל.

## אין די אַרבעטער רינג שולן אין ל. א.

דער דריטער סדר, וואָס איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע אין די אַרב. רינג שולן, איז דער פסח־סדר, ווי יעדן יאָר, געווען גוט צוגעגרייט און פּרעכטיק אויסגעפירט אין אַ טראַדיציאָנעל־מאָדערנעם גייסט. פון ערשטן גוט יום־טוב ביז „חד־גדיא״ און דעם אַרב. רינג הימן — איז עס געווען אַ סימפאָניע, אויפגעפירט פון די יונגינקע שול־קינדער, צומיינסטן פון דריטן און פערטן דור אַמעריקאַנער געבוירענע.

אָנגעפירט מיטן סדר פון אָנהייב ביזן סוף, האָט דער יונגינקער פּייוול בלו־

# בריוו אין רעדאַקציע צום 10 יאָריקן עקזיסטענץ פון „חשבון"

זייער חשובער פריינד י. פרידלאַנד:

צום צענטן יאָר פון אייער צייטשריפט „חשבון" וויל איך אייך באַגריסן און אויסדריקן מיינע האַרציקסטע ברכות פאַר אייך און אַלע אייערע מיטאַרבעטער.

איר זייט ראוי צו די גרעסטע שבחים פאַר אייער מסירת נפשדיקע אַרבעט ביים אַרויסגעבן דעם זייער וויכטיקן זשורנאַל „חשבון". אייער עקשנות און אויסדויער, אייער פאַרעקשנטע ליבשאַפט און געטרייקייט צום יידישן שאַפן רופט אַרויס באַוואונדערונג און דרך־ארץ.

דער זשורנאַל „חשבון" איז אַ חשובע טריבונע דורך וועלכער איר רופט און וועקט און מאָנט צו מאַכן דעם חשבון ה'יידישקייט אין אייערע מקומות ובכל אתר ואתר.

ווינטש איך אייך פון גאַנצן האַרצן אַ סך, אַ סך לאַנגע יאָרן, פול מיט פרייד און נחת פון אייער שעפערישער אַרבעט אַלס שרייבער און רעדאַקטאָר, און גרויס הצלחה אין אייער אידעאַליסטישער שטרעבונג צו הייבן די חשיבות פון יידישן וואָרט און פון דער יידישער יצירה.

זייט געבענטש. תחזקנה ידיכם!

אַ באַזונדער ברכה קומט אייך, פריינד פרידלאַנד, פאַרן שאַפן דעם פרידלאַנד ליטעראַטור־פאָנד. יישר כוחך.

געבענטשט זאָלן זיין די אַלע וואָס העלפן אייך מיט ראַט און טאַט אין אייער פאַרדינסטפולער טעטיקייט פאַר דער יידישער קולטור.

מיט פריינדשאַפט און דרך־ארץ,

פאַר „שריפטן" רעדאַקציע:

ל. שוואַרץ (בוענאָס איירעס)

---

חשובער קאָלעגע י. פרידלאַנד:

אַ דאַנק פאַר ציטירן מיך. איך האָב אייך געלייענט אין משה קנאַפהייס' בוענאָס איירעסער „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער,; איר האָט מיך גע־לייענט אין מלך טשעמניס תל־אביבער „אייגנס", און דער לעבנס־פולס פון אונ־דזער קליין יידיש־לאַנד קלאַפט מיט אַ געזונטן ריטם איבער דער גרויסער וועלט. איך גלייב, אַז ס'איז נישטאָ קיין ווינקעלע אויפן ערד־קוגל, וואָס דאָס יידישע וואָרט קוואַלט נישט אַרויס פון אַ פאַרבענקט, איינזאַם יידיש האַרץ.

---

שטיין; צוגעגרייט און איינשטודירט די געזאַנג־נומערן און אַרויסטרעטונגען פון די קינדער, האָבן חוץ'ן פרינציפּאַל און לערער פון די שולן, שמואל סיגאַל, אויך די לערערינס: ס. סימקין, מ. קאַפּלאַן, און די געזאַנג־לערערין ליליען קלעס און דער וואָרט־קינסטלער, אברהם זיגלבוים; י. ריסקין, פּיאַנאָ אַקאָמפּאַניסט, און דער גאַסט־אַרטיסט, זינגער שמואל קעלעמער, אין דעם קינסטלערישן טייל.

די שול־פאַרוואַלטונג און דער עלטערן־פאַראיין ביי די שולן האָבן אָפּגעגעבן עטלעכע וואָכן צייט צוצוגרייטן דעם סדר. אָן זייער אַרבעט וואָלט דער דערפאָלג ניט געקענט זיין אַזוי גרויס.

מ'טאָר נישט פאַרצווייפלען, מ'דאַרף זיך נישט מייאש זיין!

אייער עסיי „מחשבות בקול" צייגט אַז איר זיינט אַ מאמין, און צו די מאמינים באַלאַנגט די וועלט. די ציניקער, די ביטולניקעס, די אַראָפּקוקערס קאָנען נאָר צעשטערן.

דוכט זיך איר זיינט ביי אונדז געבליבן איינער פון די ווינציקע, וואָס איז אַ מאַנער, אַ חשבון־פירער, אַ טראַכטער און אַן אַריסטאָגער פון געדאַנקען אין דער הויך. געווייינטלעך זיינען אַזוינע מענטשן „פּערסאָנאַ נאָן גראַטאַ" אין דער יידישער ליטעראַטור. זיי ווערן פאַרשטויסן ביים לעבן און פאַרשוויגן נאָכן טויט.

אויפן געדאַנק קומען אויף אַזוינע קעמפעריש־בויענדיקע פיגורן ווי משה גראָסמאַן אין זיין זשורנאַל „היימיש". דער ערודיט און ליטעראַטור־קענער, דר. מ. סאָרגען (משה וויטיעס), וועמענס בוך „עסייען וועגן ליטעראַטור" איז נישט אָפּגעשאַצט און פאַרשוויגן געוואָרן פאַרן חטא פון חברן זיך מיט די נישט־באַרימטע און נישט־אָנערקענטע אויף דער ליטעראַרישער גאַס; י. ל. גרוזמאַן, פאַר זיין נישט מורא האָבן צו טייטלען מיטן פינגער אויף עוולות; דר. ד. גלאָבוס, וועמענס שריפטן זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער זשורנאַלן און צייטונגען און זיינען קיינמאָל נישט אָנגעזאַמלט געוואָרן צווישן צוויי טאָוולען; דער פאָלקס־טימלעכער דערציילער און ליטעראַרישער מנדבן, בערל בוים, וועמענס בוך „געקנופּט און געבונדן" האָט נישט זוכה געווען צו קריגן אַ נאָטיץ ביי די פּראָ־פעסיאָנעלע קריטיקער; די טראַגעדיע א. אַלמי, וואָס קיינער האָט נישט קיין מוט צו דערציילן, און דער מיט־אַלעמען־אין־קריג יצחק ליבמאַן, וואָס האָט אין זיין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" געלאָזט שטעלן זייערע ערשטע טריט אַ סך איצט באַרימט־געוואָרענע פּאָעטן און שרייבער.

אָט־די אַלע, און מן הסתם האָב איך אימיצן אויסגעלאָזן שרייבנדיק דעם בריוו, האָבן געלעבט און געשאַפן אין אונדזערע רייען און זיינען ווערט נישט פאַרגעסן צו ווערן.

מיט אייער אויפטו פון צען יאָר „חשבון" האָט איר זיכער געבערענגט אייער צושטייער צום לעבעדיקן גאָרטן פון דער יידישער ליטעראַטור.

מיר דאָ אין ניו־יאָרק זיינען אייך מקנא פאַר אַרויסגעבן אַזוינע שיינע, גרויסע בומערן „חשבון". „אויפסניי", וואָס האָט געזאָלט באַנייט ווערן נאָך אַכט יאָר עקזיסטענץ, ליידט פון די אומפאַרמיידלעכע עלעמענטן: שרייבערס און לייע־נערס שטאַרבן אויס, קיין נייע קומען נישט צו. אויך האָבן מיר נישט אייער סביבה און די לאָס אַנדזשעלעסער וואַרעמקייט. קאַלט איז דאָ, זייער קאַלט!

ביי דער געלעגנהייט, חשובער קאָלעגע י. פרידלאַנד, וויל איך אייך און אַלע קאָלעגן, לייענער און שטיצער פון אייער פערטל־יאָר שריפט, באַגריסן צום צענטן יובליי און ווינטשן נאָך אַ סך יאָרן אָנצוהאַלטן הויך דעם פאַקל פון יידישן וואָרט אויפן פּאַציפישן ים־ברעג.

מיט פריינדשאַפט, קאָלעגיאַל אייערער,

**דוד ראַפּאָפּאָרט** (ניו־יאָרק)

---

**אויפמערקזאַם אַבאָנענטן!** מיר בעטן אייך אונדז לאָזן וויסן ווען איר בייט אייער אַדרעס, אָדער ווען איר דערהאַלט נישט רעגולער דעם „חשבון".

מיין טייערער פריינד, רעדאַקטאָר פון „חשבון“—
י. פרידלאַנד, נ״י, שלום!

אָמנם חטאתי, ועמך הסליחה... אייגנטלעך בין איך ניט שולדיק, כ׳האָב ליב איבערצולייענען אַ בוך מהחל עד כלה, און אַזוי ווי כ׳האָב עס שוין איבערגעלייענט שרייב איך אייך איצט וועגן אייער „אין טעג פון גערשנגל“.

ראשית, איך בין באמת באַגייסטערט, ס׳איז אַ וואונדערלעכער וועג פון דער־ציילן, מיט שיינע פאַרבאַמערקונגען, וועלכע קלינגען אָריגינעל. אַ שטייגער די נאָכבאַמערקונג אויף זייט 112 וועגן ראַזאַליען און זשועלן: „מיט דעם האָט זיך געענדיקט אַן אומפאַרגעסלעכער טאָג פון...“ אאז״וו. אין אָנהויב קאַפּ. 19: „טרייבסט אַרויס די ליבע דורך דער טיר קומט זי צוריק דורכן פענצטער“ אאז״וו. און די צווייטע אָפּטיילונג: „אונטער אַמעריקאַנער הימלען“—איז גאָר גאָר אַ שעדעוור... זייט 184: „געבענטשט זאָלסטו זיין, געטרייע מאַמע ערד, אייביקע שפּייזערין פון אַלע מינים באַשעפענישן“... און דער פּראַכטפולער רעטראָספּעקט „אין גערשנגל, אין דער פאָרם פון אַ תמציתדיקן שיר מיט אַ טיף־לירישער נאָסטאַלגיע, וואָס נעמט דיך אַרום מיט אַן אמתער בענקשאַפט נאָך יידישקייט, נכ׳ן אַמאָל, נאָך אונדזער גייסטיקער ירושה פון דעם חורבן אַמאָל... ס׳איז טאַקע באמת, ווי עס זאָגט זיך אין די לעצטע צוויי שורות:

„דערצייט אַ קאַפּיטל פון קאַמף און פון שטרעבן,
האָט אַ יידישער־ייד אייך, אין שפּאַן פון זיין לעבן...“

ס׳איז אַ פּרעכטיקע מתנה פאַר מיר און מיינע בני־בית, און אין מיין נאָמען און אין זייערן — נעמט צו מיין האַרציקסטן און שיינעם דאַנק.

מיט ידידות ובאמתער פריינדשאַפט און וואונטש פאַר נאָך אַ סך, אַ סך שאַפונגס־פרייד, פאַרבלייב איך, אייער—

צבי שטאָק

---

## פרידלאַנד פאָנד רופט שרייבער צוצושיקן עסייען און דערציילונגען פאַרן יאָר 1964

דער י. פרידלאַנד ליטעראַטור־פאָנד האָט אַרויסגעשיקט אַ רוף צו יידישע שרייבער אַריינצושיקן זייערע עסייען און דערציילונגען, וואָס זיינען געווען גע־דרוקט אין די ליטעראַרישע זשורנאַלן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער אין דער יאָר 1964.

די דאָזיקע ווערק וועלן גענומען ווערן אין באַטראַכט פון אַ זשורי ביים באַשטימען צוויי פּרעמיעס פון 200 דאָלער יעדע פאַר דער בעסטער עסיי און דער בעסטער דערציילונג, וואָס זיינען דערשינען אין דעם יאָר 1964.

די געדרוקטע עסייען און דערציילונגען דאַרפן אַריינקומען צו דעם פאָנד ניט שפּעטער ווי דעם 15טן דעצעמבער, 1964, אויף דעם פאָלגענדן אַדרעס:

I. FRIEDLAND LITERARY FUND
4213 MONROE STREET • LOS ANGELES 29, CALIFORNIA

א. באַביטש

# פעדער־שפּריצן

דאָס לעבן איז אַ שטורעמדיקער ים. מען דאַרף זיין אַ גוטער שווימער, כדי צו קאָנען קעמפן מיט די כוואַליעס.

* * *

דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן דעם לעצטן טאָג פון דער וואָך, ווען גאָט איז שוין געווען כביכול מיד און מאַט — אַזאַ פּנים האָט ער.

* * *

אַן ערלעכער שמש גייט אין שול; אַ גנבישער שמש, גייט די שול אין אים אַריין.

* * *

וואָס איז דער חילוק צווישן אַ פּעסימיסט און אַן אָפּטימיסט? דער פּעסימיסט זעט דעם לאָך פון בייגל און דער אָפּטימיסט — דעם בייגל אַליין.

* * *

„מי כמוך ישראל גוי אחד בארץ"— מיר זאָגן: נישטאָ נאָך אַזאַ פאָלק, וואָס זאָל אַזוי טיף ליגן אין דער אדמה ווי דאָס יידישע פאָלק.

* * *

וואָס זעט דער האָן אין סידור, ווען מען שלאָגט מיט אים כפּרות? „בני אָדם יושבי חושך וצלמות"...

* * *

דער מענטשהייט פעלט נאָך גענוג ציוויליזאַציע כדי צו לעבן צווישן זיך ווי מענטשן.

* * *

„ברוך שומר הבטחתו לישראל"— געלויבט איז דער, וואָס האַלט זיין צוזאָג פאַר ישראל. דאָס דאַרף מען דערמאָנען אַלע די, וואָס זאַמלען געלט פאַר ישראל, זיי זאָלן דאָס האַבן אין זינען.

* * *

— איך האָב געהערט זאָגן, אַז דאָס מיידל וואָס איר שדכנט מיר, האָט אַ פלעק אויף איר פאַרגאַנגענהייט?

און אַז די זון האָט אַ פלעק, וואַרעמט זי דען נישט? — ענטפער דער שדכן.

* * *

מוטער: ווילסטו, מיין טאָכטער, נישט פאַרשטיין, אַז עס איז נישט אנשטענ־דיק זיך גאַנצע נעכט אַרומשלעפן מיט יונגעלייט?

טאָכטער: אויב איך זאָל דאָס פאַרשטיין, וועל איך פאַרזיצן...

* * *

איין ייִנגל זאָגט צום צווייטן: איך וואָלט היינט מיט פאַרגעניגן געגאַנגען אין קינאָ, אָבער איך מוז בלייבן אין הויז צו העלפן מיין טאַטן.

— דו העלפסט דיין טאַטן?

— איך העלף אים מאַכן מיינע לעקציעס.

* * *

אין תל־אביב גייט אַרום אַזאַ וויץ: צוויי מיידלעך האָבן זיך ווינטער־צייט אויסגעטאָן ביים אָפענעם פענצטער. איינע האָט געכאַפּט אַ קאַטאַר און די צוויי־טע — אַ רייכן אַמעריקאַנער.

* * *

אַ ייִנגעלע פרעגט דעם פאָטער: ווי אַזוי איז עס, אַז יעדן טאָג פּאַסירן פּונקט אַזוי פיל זאַכן וויפיל עס קענען אַריינגיין אין אַ צייטונג?

# ליטעראַרישע נאָטיצן און קולטור כראָניק

## צייטשריפטן אויפן טיש

דעם 23טן מאַי ה.י. האָט בן־ציון גאָלדבערג, „ט.־מ.זש.“, אין זיין קאָלום „צייטשריפטן אויפן טיש“, צווישן אַנדערע זשורנאַלן אויך דערמאָנט אונדזער זשורנאַל „חשבון“. ער שרייבט:

„דער לאָס אַנדזשעלעסער יידישער זשורנאַל „חשבון“ ווידמעט דעם לעצטן נומער צו זיין צענטן יובל־יאָר. דער רעדאַקטאָר שרייבט: „לאָס אַנדזשעלעס, ווי דער צווייטער גרעסטער יידישער ישוב אויף דעם אַמעריקאַנעם קאָנטינענט, (450,000), מיט איר גרויסער אָרגאַניזירטער יידישער קהילה, מיט איר פאַר־צווייגטער, אויסגעברייטערטע אַקטיוויטעט לטובת די היגע יידישע אינטערעסן, איז געוואָרן אַ שם־דבר אין יידישן אַמעריקע, אָבער... אויף דעם געביט פון אונ־דזער מאַמע־לשון, בעיקר וואָס שייך דאָס יידיש־געדרוקטע וואָרט, איז דער מצב זייער אַ טרויעריקער און מוראדיק פאַרוואָרלאָזט... בעת מיר האָבן דאָ פיר יידיש־ענגלישע וואָכנשריפטן, האָבן מיר דאָ לײדער קיין איינע נישט אויף יידיש, אפילו ניט קיין געדרוקט יידיש בלעטל אָדער בולעטין...“ „דער לעצטער נומער איז, ווי מיר דוכט זיך, אַ גרעסערער ווי געווינלעך, מיט אַ צאָל ווערטפולע זאַכן. באַזונדערס וויל איך באַמערקן ל. פיינבערגס ליד: „אין טאָג פון הונדערט מעגאַ־טאָן,“ ער ציטירט אויך דאָס ליד פון דעם ניט לאַנג צוריק פאַרשטאָרבענעם דיכטער, אהרן ניסענזאָן: „לאָמיר“, געדרוקט אין לעצטן נומער „חשבון“.“

קומט טאַקע ב. צ. גאָלדבערגן אַן אמתן יישר־כוח און אָנערקענונג פאַר זיין אחריותפולער פען, בשייכות מיט דעם דערמאָנען די יידישע זשורנאַלן. ער איז דער איינציקער וואָס טוט עס פון צייט צו צייט. די אָפיציעלע רעצענזאַנטן אין „ט.־מ.זש.“ האָבן הפנים מורא זיך צו צורירן צו דעם, ווי ס׳וואָלט געווען מוקצה מחמת מיאוס. גייט עס דאָ ניט אין דעם ביסל פירסום וואָס אַ זשורנאַל באַקומט פון אַ רעצענזיע פון אַן אָנגעזעענעם שרייבער אין דער פרעסע; עס גייט מער אין דער חשיבות און באַציאונג פון דעם לייענער צו דער באַטרעפנדיקער שריפט נאָך אַזאַ דערמאָנונג...

זעט עס אָבער אויס, אַז זיי, די רעצענזאַנטן אין דער יידישער פרעסע זיינען אַזוי פאַרנומען מיט זייער ביסל גלאָריע, אַז ווייטער פון זיך זעען זיי נישט און עס גייט זיי ווייניק אָן אָט־דער אויבנדערמאָנטער ענין...

## ל. א. פע״ן קלוב פירט דורך שרייבער אָוונטן

דער היגער פע״ן קלוב האָט איינגעאָרדנט אַ משה־לייב האַלפּערין אַקאַדע־מיע. אין דעם אָוונט האָבן אָנטייל גענומען: דער דיכטער עסייאיסט, מאָטעס דייטש, מיט אַ לענגערע אָפּשאַצונג פון האַלפּערינס שאַפונגען. דער שוישפּילער מאָריס מייסאָן האָט פאָרגעטראָגן רעציטאַציעס פון משה לייבס דיכטונגען. דער רעדאַקטאָר י. פרידלאַנד האָט געפירט דעם פאָרזיץ און פאָרגעטראָגן ביבליאָ־גראַפישע שטריכן פון האַלפּערינס ווערק. דער חשובער מכניס־אורח, חבר ווילי שאָר, האָט נאָכדעם סערווירט אַ גאָר פיינעם כיבוד.

## ל. א. „פען" פּירט דורך ליטעראַרישע מסיבות

אין דער פּראַקטיקער היים פון ווילי שאַר, דער באַקאַנטער עסקן און מעצע־נאַט, האָט דער היגער פּע"ן איינגעאָרדנט אַן אָוונט לכבוד דעם צען יאָריקן עקזיס־טענץ פון דעם פערטל־יאָר שריפט „חשבון".

געעפנט די מסיבה האָט דער סעקרעטאַר פון פּע"ן, דער דערציילער נח גאָלדבערג, און דערנאָך פאַרגעשטעלט אַלס פאָרזיצער פון אָוונט דעם רעדאַקטאָר פון „חשבון" י. פרידלאַנד, וועלכער האָט אויספירלעך גערעדט וועגן דעם מצב פון יידיש־געדרוקטן וואָרט און בעיקר וועגן דעם „חשבון" און זיין פעריפעריע.

דער פאָרזיצער שטעלט פאָר דעם הויפּט־רעדנער פון אָוונט, דעם באַוואוסטן זשורנאַליסט ה. לאַנג, וועלכער האָט אויף אַ גלענצענדן אופן אַנאַליזירט די שאַפונגען פון די רוב באַטייליקטע אין יובל־נומער און אין די פריערדיקן נומערן.

מיט פאַרלייענונגען פון אונדזער ליטעראַטור איז אויפגעטראָטן דער וואָרט־קינסטלער יצחק רויטבלום און דער פיינער פאַרלייענער אברהם שניידער.

אַ קורצע באַגריסונג פון סעקרעטאַר פון „חשבון", דער חשובער דיכטער מאַטעס דייטש און פון דעם חשובן מכניס אורח, ווילי שאַר, וועלכער האָט נאָכדעם, ווי תמיד, סערווירט אַ גאַר געהויבענעם כיבוד.

אַ צווייטע ליטעראַרישע מסיבה איז דורכגעפירט געוואָרן פון „פען" לכבוד דעם גאַסט־שריפטשטעלער פון ישראל, צבי אייזנמאַן, אונטערן פאָרזיץ פונעם דיכטער פּינטשע בערמאַן. דער דיכטער מאַטעס דייטש האָט באַגריסט דעם גאַסט. יהודית אייזנמאַן האָט איבערגעגעבן וועגן דערהויבענע מאָמענטן אין קיבוץ. דער שוישפּילער חיים אָסטראָווסקי האָט פאָרגעלייענט, און דער גאַסט־דערציי־לער אייזנמאַן האָט פאָרגעלייענט פון זיינע שאַפונגען.

אַ דריטע ליטעראַרישע מסיבה איז געווידמעט געוואָרן דעם קבלת־פנים פון דעם באַוואוסטן דיכטער אלף כץ, וועלכער האָט געוויילט אין ל. א. אַ פּאָר וואָכן. דער פאָרזיצער פון אָוונט, י. פרידלאַנד, האָט אין זיין דערעפענונג דערמאָנט די אָנוועזנדיקע חשובע געסט שריפטשטעלער: אַברהם גאָלאָמב און פרוי; מרדכי בערנשטיין, רעד. פון „וועקער" און פרוי; ד"ר חיים ראָטבלאַט און פרוי, און פרענק און באַבי העריסאָן, צו זייער צוריקקער פון ישראל.

מיט באַגריסונגען צו אַלף כצ'ן זיינען אויפגעטראָטן: נח גאָלדבערג, מאַטעס דייטש, פּינטשע בערמאַן; כאַווער פּאַווער (אַ פערזענלעכער פריינט פון משפּחה כץ), און מרדכי בערנשטיין. אונדזער חשובער גאַסט, אלף כץ, האָט צום שלוס פאָרגעלייענט פון זיין נייעסטן בוך: „די אמתע חתונה."

---

## ליטעראַרישע מסיבות לכבוד נח גאָלדבערגס ניי בוך „ווילד־גראָז"

אַ ליטעראַרישער ביינאַנד איז דורכגעפירט געוואָרן מיטוואָך, דעם 20טן מאַי, ביים קאָונסיל פון די לייען־קרייזן, אונטערן פאָרזיץ פון גאָסי סאַרטאָ. ס'האָבן זיך באַטייליקט: י. פרידלאַנד, אליעזר דאַרין, מיט אָפּשאַצונגען; ז. בונין און יצחק סאַפיאַן, מיט באַגריסונגען; און דער שוישפּילער, י. מייסאָן, מיט אַ פאַרלייענונג פון בוך „ווילדגראָז."

אַ צווייטער ליטעראַטור־אָוונט איז דורכגעפירט געוואָרן, שבת דעם 22טן

מאַי, אין ל. א. יידישן קולטור־קלוב, מיט דער באַטייליקונג פון ד״ר חיים ראָט־בלאַט און ס. נוטקעוויטש, מיט אָפּשאַצונגען; אברהם זיגלבוים, מיט אַ פּאָרלייע־נונג פון דעם ערשטן קאַפּיטל פון „ווילד־גראָז״; ז. בונין און יצחק סאַפּיאַן, מיט באַגריסונגען פונעם בוך־קאָמיטעט, און י. פרידלאַנד, פאָרזיצער, מיט אויספיר־לעכע שטריכן פון גאָלדבערגס ביאָ־ביבליאָגראַפיע.

---

## „פון האַרבסט ביז פרילינג״—נייער בוך פון ז. בונין

איז אַריין אין דרוק אין דעם פאַרלאַג „מנורה״, תל־אביב. דאָס בוך ענטהאַלט זכרונות און לידער; האָט 250 זייטן. דערשיינט בקרוב. צו באַקומען ביים מחבר.

---

## אַלע ווערק פון פישל בימקאָ, אין 25 בענד, וועלן דערשיינען

פישל בימקאָ, דער באַרימטער דראַמאַטורג און נאָוועליסט, ווערט אי״ה (אין צוויי יאָר אַרום) 75 יאָר. ער גרייט צו צו דעם יובל אַ נייע און גרויסע אויפ־לאַגע פון אַלע זיינע ווערק אין 25 בענד, וואָס מען קריגט שוין היינט ניט, אגב, צו קויפן.

דאָס וועט זיין די גרעסטע אויפגאַבע, וואָס אַ יידישער שרייבער האָט זיך ווען עס איז געשטעלט. די אויפלאַגע וועט באַשטיין פון 10 בענד דראַמעס, קאָמעדיעס, טראַגעדיעס, איינ־אַקטערס און מאָנאָלאָגן; 10 בענד נאָוועלעס און דערציילונגען; 5 בענד אויטאָביאָגראַפיע און זכרונות, אונטערן נאָמען: „מיינע זיבעציק יאָר.״ די ביכער ווערן שוין געזעצט.

---

## אַ פריידיקע ידיעה פון י. ל. פרץ פאַרלאַג אין תל-אביב

אַ דעלעגאַציע פון י. ל. פרץ פאַרלאַג איז אויפגענומען געוואָרן פון ישראל פרעזידענט שז״ר און ער האָט צוגעזאָגט צו העלפן דעם פאַרלאַג אין זיין אַרבעט.

דער ישראלדיקער מיניסטעריום פאַר דערציאונג און קולטור, האָט שוין פעסטגעשטעלט אַ סובסידיע פאַר פרץ פאַרלאַג פאַרן לויפנדיקן יאָר 1963 און 64. דער קולטור־לייטער פון מיניסטעריום האָט אין זיין דערקלערונג אויך צוגעגעבן, אַז די סובסידיע ווערט געגעבן ווי אַ דערמוטיקונג פאַר דער ליטעראַרישער שעפערישקייט אין יידיש. ס'איז צום ערשטן מאָל אַזאַ נייעס אין ישראל.

---

## ליטעראַריש-קינסטלערישע מסיבה ביים „קולטור-ווינקל״

זונטיק בייטאָג, דעם 31טן מאַי, איז אין גאָרטן פון אסתר און ד״ר תלמי דורכגעפירט געוואָרן אַ קבלת־פנים לכבוד דער דערשיינונג פון דער פרעמירטער עסיי פון מאַטעס דייטש: „יעקב גלאַטשטיין—דער ייד פון ליד.״

אין פּראָגראַם פון דער גוט־באַזוכטער מסיבה האָבן זיך באַטייליקט: י. ראַשעל מיט אַ באַגריסונג; מיט אָפּשאַצונגען, דער רעדאַקטאָר פון „חשבון״ י. פרידלאַנד, און ד״ר קוזמינסקי. דער שוישפילער, מ. מייסאָן, האָט פאָרגעלייענט פונעם מחברס ווערק און דער בעל־שמחה, מאַטעס דייטש, האָט גערעדט וועגן זיין קרעדאָ און פאָרגעלייענט פון זיינע לידער.

דער ליטעראַרישער בייטאָג איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון חברה סאָניע קעי.

## רשימה פון באַטייליקטע שריפטשטעלער אין צען יאָר פון „חשבון“

א. אַלמי ע״ה
יהושע אַלקאַן ע״ה
ישראל אָסמאַן ע״ה
נ. אזאַלין
יצחק אייזנבערג
חיים באַרקאַן
יחזקאל בראָנשטיין
הערץ בערגנער
ז. בונין
א. באַביטש
פינטשע בערמאַן
ד״ר דוד ברידזשער
נח גאָלדבערג
לוי גאָלדבערג
משה גלאַזער
חיים גראַדע
ישראל גובקין
ש. דאַמניץ
מאַטעס דייטש
שמואל וואוזעק
משה ווייסמאַן
הינדע זאַרעצקי
יעקב זינגער
ש. ד. זינגער
יעקב זיפּער
מלכה חפץ טוזמאַן
אפרים טויבנהויז
דניאל טשאַרני ע״ה
יצחקי
אַלף כץ
א. כראַבאַלאָווסקי
ה. לאַנג
א. לוצקי
ה. לייוויק ע״ה
ש. מיללער ע״ה
י. ל. מאַלאַמוט
איידאַ מאַזע ע״ה
לאָטי פּ. מלאך
וו. נאַטאַנזאָן ע״ה
א. ניסענזאָן ע״ה
יצחק ניומאַן
שמואל סיגאַל
אַנאַ בושעל סאַלאָוו
ישראל עמיאָט
ש. ערנסט
משה עטינגער
אַלטער עסעלין
ל. פיינבערג
מ. פּערלמוטער
דניאל פּערסקי
י. פרידלאַנד
וו. פרידמאַן
נתן פאָדעמבערג
ע. פערשלייסער ע״ה
בען צוקערמאַן ע״ה
סאָלאָמאָן קאַהאַן
אבא קליגער ע״ה
ברכה קודלי
רחל קאָרן
ד״ר חיים ראַטבלאַט
י. ראַשעל
מלך ראַוויטש
ה. רויזענבלאַט ע״ה
יהושע ריווין
ד״ר ד. רעבעלסקי ע״ה
נח שטיינבערג
אסתר שומיאַטשער
גאָלדע שלאָסבערג דראָזד
משה שטאַרקמאַן

## סצענעס פון יעקב גאָרדינס אויפפירונגען אין קולטור קלוב

אַז אונדזער יידישער עולם איז אויסגעהונגערט נאָך יידיש טעאַטער האָט באַוויזן דער גאָר גרויסער עולם און זיין ענטוזיאַזם, וואָס האָט באַגלייט די שוישפּילער אויף דער בינע.

אונטער דער רעזשי פון אליהו טענענהאָלץ איז אויפגעפירט געוואָרן אַ סצענע פון „גאָט, מענטש און טייוול“, געשפּילט פון א. טענענהאָלץ מיט דער הילף פון מרדכי מייזל; די סצענע: „כאַסיע די יתומה“ איז געשפּילט געוואָרן פון אַניטאַ פריינדליך שעף, וועלכע האָט באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט סיי מיט איר שוישפּיל און סיי מיט איר געזאַנג; מירעלע אפרת׳ הויפּט־ראָלע האָט פּרעכ־טיק דורכגעפירט ציליע סילווער־זילבערצווייג; פון די מיטשפּילער האָבן זיך אויסגעצייכנט: משה מאַנדלבוים, אַנאַ סטרימאָוו, אַניטאַ פריינדליך־שעף, און אַלעקס שוואַרצקאָפּ.

אַרום און אַרום איז עס געווען אַ גאָר פיינע אויפפירונג, וואָס איז צו פאַר־דאַנקען די שוישפּילער און די אויסגעצייכנטע רעזשי פון אליהו טענענהאָלץ. לאָמיר האָפן אַז מיר וועלן האָבן אַ המשך פון אַזעלכע פיינע טעאַטער אויפפירונ־גען אין יידישן קולטור קלוב.

איידער דער פאָרהאַנג איז אויפגעהויבן געוואָרן, האָט זלמן זילבערצווייג, באַקאַנטער טעאַטער לעקסיקאָגראַף, געהאַלטן אַ קורצן רעפעראַט וועגן יעקב גאָרדינס לעבן און שאַפן, וואָס האָט זיך זייער פיין אַריינגעפּאַסט ווי אַן אַריינפיר צו די דורכגעפירטע גאָרדינס סצענעס.

# אַריינגעקומענע ביכער און זשורנאַלן אין רעדאַקציע

**אַלף כּץ: „די אמתע חתונה"**

מיט אַ פֿראַלאָג „אין אַלץ איז דאָ אַ ליד" האָט 5 אָפּטיילונגען: א) „די אמתע חתונה"; ב) „דאָס אויג און דאָס ליד"; ג) „אין בראַצלאַווערס וואַלד"; ד) „אַ טיגער אויף אַ שטריק"; ה) „דער טייוול און פּיוול בעקער." (שפּיל אין צוויי טיילן) און עפּילאָג. שער־בלאַט און צייכענונגען פֿון יצחק פֿרידלאַנדער. הויפּט־פֿאַרקויף „ציקאָ" פֿאַרלאַג אָדער ביים מחבר, 152 אי. 22טע גאַס, נ. י. (זע זיין ליד אין דעם נומער.—רעד.)

* * *

**יוסף רובינשטיין: „חורבן פּוילן"**

(לידער) פּרעכטיק שיין אַרויסגעגעבן מיטן בילד פֿון מחבר. ענטהאַלט 3 טיילן: א) צו דער גרעניץ, ב) פּוילן, ג) חורבן. שער־בלאַט און צייכענונגען יחזקאל שלאָס. אַרויסגעגעבן פֿון ציק"א פֿאַרלאַג, נ.י. 1964. האָט 242 זייטן.

* * *

**אריה בוסתן: „חיים ווייצמאַן"**

לעבן און ווערק. אַן אויספירלעך ווערק וועגן חיים ווייצמאַן, דער ערשטער נשיא פֿון מדינת ישראל. עס ווערט דערציילט די ביאָגראַפֿיע פֿון אַ גרויסן מענטשן, שיין אַרויסגעגעבן פֿון פֿאַרלאַג „מנורה" תל־אביב, 1964, 482 ז"ז.

* * *

**יעפּים יעשורין: ביבליאָגראַפֿיעס**

(ברושירט). אברהם גאָלדפֿאַדען, מרדכי ספּעקטאָר, ישראל עמיאָט, ה. לייוויק. אַרויסגעגעבן דורכן יוסף ליפּשיץ פֿאָנד פֿון ליט. געז. ביים ייוו"א אין בוענאָס איירעס.

* * *

**אַברהם גאָלאָמב: „אייביקע וועגן פֿון אייביקן פֿאָלק" (עסייען)**

אַרויסגעגעבן פֿון יובל־קאָמיטעט, מעקסיקאָ־בוענאָס איירעס 1964. מיט פֿאָרוואָרט פֿון די אַרויסגעבער און פֿון מחבר. דאָס ווערק האַלט 417 זייטן איינשליסנדיק אַ טיילווייזע ביבליאָגראַפֿיע פֿון א. גאָלאָמבס שריפֿטן, פֿון יעפּים יעשורין.

קהילה אַרכיוון פֿון פּרעסע אויסשניטן, בוענאָס איירעס, 1963. די זאַמלונג ענטהאַלט 234 זייטן.

**א. נ. אָסטראָווסקי־רוטמאַן: „זלמן ריפּע"— ראָמאַן פֿון יידישן לעבן"**

אין דריי טיילן. געשילדערט אויף אַ ברייטער קאַנווע, אין רוסלאַנד אונטער דער צאַרישער הערשאַפֿט, אָנהייב פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן פֿון מחבר אין חולון, ישראל, 1964, האָט 653 זייטן.

**פֿון זעלבן מחבר: דערציילונגען און דראַמע**

אַרויסגעגעבן אין חולון, ישראל, 1963, האָט 140 זייטן.

* * *

**אַברהם גאָפּלאַט: „געשטויגן און געפּלויגן" (ישראל אויף רעדלעך)**

אַ זאַמלונג פֿון מעשהלעך, הומאָרעסקעס און פֿעליטאָנען. אַרויסגעגעבן פֿון פֿאַרלאַג „מנורה", תל־אביב 1964. האָט 263 זייטן.

* * *

**יצחק פּאַנער: „זון און שאָטן"**

(ישראל מאָטיוון). קורצע דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן. אַרויסגעגעבן דורך פּרץ פֿאַרלאַג תל אביב. 183 ז"ז.

* * *

**נח גאָלדבערג: „ווילד־גראָז"**

(נאָוועלע) האָט 440 זייטן, איינגעטיילט אין 39 קאַפּיטלעך. איז געמאָלן אויף אַ ברייטער קאַנווע פֿון אַרגענטינער ווילדערנישן. דערשינען אין פֿאַרלאַג „יידבוך", בוענאָס איירעס, 1964. צו באַקומען ביים גאָלדבערג בוך קאָמיטעט, 431 קלאָווערדייל, ל. א.

* * *

**יצחק אונטערמאַן: „פּרקי אָבות"**

(מאמרים פֿון די פֿאָטערס) אין ענגליש. אַ גוט ווערטיק בוך פֿאַר אונדזער יידישער יוגנט. אַרויסגעגעבן פֿון מחבר 1964, האָט 408 זייטן.

* * *

**נחמיה צוקער, רעדאַקטאָר: געדענק־בוך גאַליציע**

שער־בלאַט געצייכנט פֿון יעקב וואַלבערג. אַן אַנטאָלאָגיע פֿין אַ גרויסע צאָל שריפֿטשטעלער. 1) אָפּטיילונג מעקסיקאָ; 2) אָפּטיילונג לזכר סקאָלע. אַרויסגעגעבן פֿון פֿאַרלאַג „זכרונות". בוענאָס איירעס תשכ"ד־1964.

## זשורנאַלן און צייטשריפטן

קינדער זשורנאַל (רעד. ש. גוטמאַן און י. גויכבערג); „זיין" (רעד. ל. ראַזאַף); „אויפן שוועל" (רעד. קאַלעגיום, ניו־יאָרק); „אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער" (רעד. משה קנאַפּהייס); „אַרגענטינער ביימעלעך", קינדער־זשורנאַל (רעד. זעליג מאַזור); „דווקא" (רעד. סוסקעוויטש) אַרגענט.; „אייגנס" (רעד. מ. טשעמני, תל־אביב; „פּראָבלעמען" (רעד. אַבא גאָרדין); „אונדזער קיום" (רעד. ד"ר ל. קורלאַנד, פּאַריז); „שריפטן" (רעד. קאָלעגיום) אַרגענט.; „קורו", יידישע זשורנאַליסטן כראָניק, ירושלים; קולטור און דערציאונג (רעד. יעפּרויקין, ניו־יאָרק); „פּאַראויס" (רעד. קאָלעגיום); „שטימע"; „דער וועג" (מעקסיקע); „ביאַלעסטאָקער שטימע" (ד. סאָהן, רעדאַקטאָר).

## צוגאָב באַגריסונגען צום צען יאָריקן עקזיסטענץ פון „חשבון"

חשובער י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר, און מאַטעס דייטש, סעקרעטאַר פון „חשבון":
אונדזערע וואַרעמע באַגריסונגען צום 10 יאָריקן שאַפן פון „חשבון".
מיט גוטע וואונטשן פאַר ווייטערדיקן שאַפן — אייערע: —

אסתר און שמואל מילער; משה קאַפּלאַן; חבר און חברה זימונד ליעוו; חבר און חברה: ע. גאָלדפאַרב, מ. האָכפּילד, אַלעקס גאָטליב, יאָסל דראָזד, פישל בימקאָ, ישראל פריינד, חיים שאַפּיראָ, בערל סאָטט, חיים ראָטשטיין, ה. אייבראַמס, אָשר קיפּניס, נ. נאָבמאַן, י. אַלפערט, העראַלד גרינבערג, סאָול שניידער, אברהם י. גיסטשע, מ. קורזעמבערג, מ. גאָרפינקל, ח. גרינהאָף, סידני רייזמאַן, ליליען האַמער, א. פינסקי, מ. דראַנזשיק (מעקסיקאָ), פר. סיגלמאַן (קליוולאַנד), דוד פעלאָוו.

---

**יהושע ריווין**, באַקאַנטער דיכטער פון קליוולאַנד, ווינטשט דעם „חשבון" צו זיין 10 יאָריקן עקזיסטענץ, נאָך אַ סך, אַ סך שעפערישע יאָרן.

---

## ברוך הבא, אַברהם גאָלאָמב

דער באַוואוסטער יידישער געלערנטער, פּעדאַגאָג און שריפטשטעלער, מחבר פון אַ צאָל קערנדיקע ווערק, אַברהם גאָלאָמב, איז געוואָרן ביי אונדז אין שטאָט אַ זייער חשובער תושב. ווינטשן מיר אים און זיין ליבער פרוי, וועלכע איז פאַר זיך אַליין אַ באַגאַבטע פּעדאַגאָגין, זיי זאָלן זיין געזונט און זיך איינאָרדענען ביי אונדז אין גליק און אין פריידן. שלום וברכה! (רעד.)

---

## דיכטער אהרן ניסענזאָן ע"ה

פרייטיק דעם ערשטן מאַי ה"י איז דער באַקאַנטער דיכטער א. ניסענזאָן נפטר געוואָרן אין עלטער פון 67 יאָר. אהרן ניסענזאָן האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיינע לירישע לידער. ער האָט זיך באַטייליקט אין דעם רוב ליט. זשורנאַלן, צווישן זיי אונדזער פערטל־יאָר שריפט „חשבון". כבוד זיין לויטערן אָנדענק...

# 38 יאָריקער יוביליי

פון

# לאָס אַנזשעלעסער ייִדישער קולטור קלוב

„אַ קולטור-צענטער פאַרן ייִדישן מענטשן אין אַ ייִדישער סביבה"

געגרינדעט אין דעם יאָר 1926

4213 מאָנראָו גאַס

לאָס אַנזשעלעס, קאַליפאָרניע

תשרי, ה'תשכ"ה — סעפּטעמבער, 1964

## LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

(Organized in 1926)

4213 Monroe Street • Los Angele 29, Calif.

NOrmandy 4-9325

# באַאַמטע און אַדמיניסטראַציע פון ל.א. יידישן קולטור קלוב
## פון דעם יאָר 1963-64

פרעזידענט:
י. פרידלאַנד

וויצע־פרעזידענט:
אליהו טענענהאָלץ

פינאַנץ־סעקרעטאַר:
אייב שוואַרץ

פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר:
סעם לעווין

קאַסירער:
י. ליוואַק

הויז־פאַרוואַלטער:
פּעי סאַפּיאַן
מ. ווינאַרסקי

בריוו־פאַרוואַלטער:
י. גאָלד

באַאַמטע פון היי־יאָריקער אַקציע:
י. סאַפּיאַן, פאָרזיצער
סעם לעווין, סעקרעטאַר

אַדרעסן־טייפּיסטין:
עטל סיגעלניק

ביבליאָטעקאַר און אַרכיוו:
נתן אַזאָלין

פּובליסיטי:
י. טיליס
מ. סילבערט

ענגליש פּובליסיטי:
מאיר לעדערמאַן

קולטור קאָמיסיע פאַרן 38טן זמן:
אליהו טענענהאָלץ
י. סאַפּיאַן
ס. לעווין
ט. ברייס
ש. ברייינין
י. פרידלאַנד
שלמה צוקערמאַן
אייב און מיני שוואַרץ

אַקטיוו קאָמיטעט:
ליובאַ ברייינין
דאָראַ לעווין
שרה ווינאַרסקי
מוסי פרידלאַנד
חבר און חברה חיים דאַרנאָ
ראָוז און ל. זעלמאַן
אַברהם באַביטש
חבר פיעלד
אַניוטאַ קאָפּעלאָף
פּעי סאַפּיאַן
ציליע צוקערמאַן
מיני צוקערמאַן
מערי ליוואַק

---

## שנת ברכה והצלחה

צו אַלע חברים און חברות, מיטגלידער פון ל. א. יידישן קולטור קלוב, מדינת ישראל, און כל ישראל אומעטום.

**י. פרידלאַנד**, פרעזידענט
**אייב שוואַרץ**, סעקרעטאַר

# צום אָפּשלוס פון 38-טן זמן פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

אַכט־און־דרייסיק יאָר אַקטיוו לעבן פון אַן אָרגאַניזאַציע ווי דער קולטור קלוב איז גאָר אַ פּיינע דאַטע צו פאַרצייכענען. אַוודאי האָט זיך געפאָדערט ניט ווייניק ענערגישע אַרבעט, עקשנות און אחריות. אָפטמאָל איז אויסגעקומען בייצוקומען האַרבע שוועריקייטן, מאַטעריעלע און גייסטיקע, כדי ביכולת צו זיין אָנצוהאַלטן אָט דעם המשך פון אונדזער קולטור טוּאונג, אָט די אַלע מיזאַמע יאָרן.

ווען מ׳בעמט אין באַטראַכט אַז דער קולטור קלוב איז נישט קיין אָפּטייל פון אַ פּראָטערנאַלן אָרדן, און האָט ניט קיין שום מאַטעריעלע געווינסן פאַר זיינע מיטגלידער; ווען מען האָט אויך אין זינען, אַז יידישע קולטור בכלל האָט ביי אונדז ניט קיין גאָר גוטע מערכה; די יידישע גאַס ווערט וואָס אַמאָל אַלץ מער און מער פאַרכאַפּט פון דער דרויסנדיקער קולטור און שפּראַך־אַסימילאַציע; ווען מ׳האָט אָט די אַלע אַספּעקטן אין זינען, און דער קולטור קלוב האָט דאָך באַוויזן, במשך די 38 יאָר, אָנצוהאַלטן אַ ריין יידישע קולטור סביבה און אַ יידישע אַטמאָספערע, און חוץ די אַלע דרויסנדיקע מניעות און מכשולים — איז דער ק״ק דאָך געבליבן געאייניקט און געשטאַרקט הן אין איכות והן אין כמות, מעגן מיר עס באַטראַכטן ווי אַ פענאָמען.

רעטראָספּעקטיוו זעען מיר, אַז במשך די 38 יאָר האָבן מיר דאָ, אין היגן יידישן קולטור־לעבן אויסגעפילט אַ חלל; מיר האָבן דורכגעפירט אַ קולטור־פונקציע וואָס קיין אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס, ביי זייער בעסטן ווילן, זיינען ניט בכוח עס צו טאָן צוליב כמה וכמה טעמים: צוליב זייער כסדרדיקע פאַרנומענקייט מיט פאַרשידענע פּאָליטישע אַקציעס און געלט קאַמפּאַניעס, איז קולטור־טוּאונג ביי זיי געוואָרן אַ „ביי־פּראָדוקט״, אַ מהיכי־תיתי׳דיקער ענין.

אין משך פון די 38 יאָר האָט דער קולטור קלוב, יאָר־איין יאָר־אויס און וואָך־איין וואָך־אויס, דורכגעפירט ליטעראַרישע, יידיש־מוזיקאַלישע קאָנצערטן, רעפעראַטן, יידישע קונסט און ביכער אויסשטעלונגען; פייערונגען פון יידישע ימים טובים; חדשים פון בוך און מוזיק. ביי די דאָזיקע אונטן האָט דער יידישער פאָלקס־מענטש זיך באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור און אירע שעפער; גייסטיק הנאה געהאַט פונעם געזונגענעם יידישן ליד און פון די פאַרלייענונגען פון יידישער ליטעראַטור. און גאָר באַזונדער די אויפהאַלטונג פון אַ גאָר גרויסער פּרעכטיקער ביבליאָטעק מיט טויזנטער פון די נייעסטע און אַלטע יידישע, העברעאישע און ענגלישע ביכער, אונטער דער לייטונג פון אונדזער חשובן ביבליאָטעקאַר, נתן אָזאָלין.

מיר האָבן שוין ביי אַנאַנדער געלעגנהייט דערמאָנט און מיר ווילן עס גערן דערמאָנען נאָכאַמאָל, אַז דער ל. א. יידישער קולטור קלוב, אין זיין איינשטעל, איז איבערפּאַרטייאיש. דער קולטור קלוב איז ביי קיינעם נישט בודק זיין פּאָלי־טישן „פּאַספּאָרט״ און אָריענטאַציע. פאַר דעם קלוב איז גענוג אַז יידישע יידן וואָס געפינען אינטערעס אין אונדזערע קולטורעלע מסיבות, האָבן הנאה פון אַ יידישן גערעדטן וואָרט, פון געזונגענעם יידישן ליד, פון אַ יידישן רעפעראַט, פון יידיש־מוזיקאַלישע קאָנצערטן; האַלטן הויך יידישע קולטור אַספּיראַציעס און זיינען טריי די אינטערעסן פון די פאָלקסמאַסן, אומעטום אין זייער צעשפּרייטקייט

און מדינת ישראל — אַזעלכע זיינען ראוי צו ווערן חשובע מיטגלידער אין יידישן קולטור קלוב.

צו אונדזער טרייסט און צופרידנקייט האָבן מיר דאָ אין ל. א. נאָך אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל יידן מיט ליבע און איבערגעבנקייט פאַר יידישע קולטור־ווערטן און האַלטן דעם יידישן קולטור־קלוב פאַר זייער גייסטיקע היים, פאַר זייער מאָדערנעם בית־המדרש. נאָר מיט דער הילף פון אַט־די יידישע קולטור־אַספּי־ראַנטן זיינען מיר ביכולת געווען אַנצעוויזן אויף אונדזערע פּרוקטיקע אריכת ימים.

אויך מיט דער דערשיינונג פון דעם פערטל־יאָריקן זשורנאַל „חשבון", וועלכער פייערט איצט זיין צען־יאָריקע עקזיסטענץ, צו וועלכן דער קולטור קלוב איז אַ חשובער שותף, האָט צו אונדזער צופרידנקייט טיילווייז אַראָפּגענומען דעם בזיון פון אונדזער יידיש־יידישן סעקטאָר אין ל. א., וואָס איז ליידער געבליבן דאָ, פאַר דעם לעצטן צענדליק יאָר, לחלוטין אָן אַ יידיש געדרוקט וואָרט.

אין דעם נומער „חשבון" וועט דער לייענער געפינען אַ פּרטימדיקע רשימה פון די אַלע ליטעראַרישע אָוונטן און אַקטיוויטעטן וואָס דער קולטור קלוב האָט דורכגעפירט במשך דעם לעצטן זמן פון 1964-63. פון דער אויספירלעכער רשימה קען מען זיך שאַפן אַ באַגריף, מער ווינציק, פון די קולטור־טוּאונגען און פּראָגראַמען פון יידישן קולטור קלוב במשך דעם זמן.

מיט דעם אָפּשלוס פון דעם 38טן זמן, טרעטן מיר תיכף צו דער התחלה פון דעם נייעם 39טן זמן פון ק"ק, פול מיט האָפענונגען, ווילן און עקשנות אָנצוגיין מיט אונדזערע וויטערע ששפעפערישע טוּאונגען אויף דעם געביט פון יידיש, ליטעראַרישע און קולטורעלע אַקטיוויטעטן. כן ירבו. י. פּ.

---

## אונזערע פּאַרדינסטפולע טוער ביים קולטור קלוב פון 38 זמן

דער סדר און איינשטעל פון דעם אַפּאַראַט ביים קולטור קלוב אין געווען אויף פאָלגענדיקן אופן: היות די הויפּט־אַקטיוויטעט איז בעיקר קאָנצענטרירט אויף די צוגרייטונגען און פאָרמולירן די שבת־צונאַכטסדיקע ליטעראַרישע און קונסט־פּראָגראַמען, פאַרצייכענען מיר דאָ, אין דער ערשטער ריי, די נעמען פון די פונקציאָנערן פון דעם קולטור קאָמיטעט, וועלכע טראָגן די אַחריות פאַר די פּראָגראַמען פון די שבת־צונאַכטסן. דער ק"ק קאָמיטעט באַשטייט פון די פאָל־גענדיקע חברים: אליהו טענענהאָלץ, ת. ברייס, סעם לעווין, אייב און מיני שוואַרץ, ש. בריינין, מאיר לעדערמאַן, שלמה צוקערמאַן, יצחק סאַפּיאַן, עקז. סעק. און י. פרידלאַנד, פּאַרזיצער. (זע רשימה פון די פּראָגראַמען פון לעצטן זמן).

די עקזעקוטיוו און פאַרוואַלטונג פון קלוב באַשטייט פון דעם אויבנדערמאָנטן קולטור קאָמיטעט, צוזאַמען מיט דעם פינאַנס קאָמיטעט: י. ליוואַק, יוסף וויינמאַן, מ. פאַרבער און ל. זעלמאַן; אייב שוואַרץ, פינאַנץ סעקרעטאַר. הויז־פאַרוואַלטער: מ. ווינאַרסקי, פּעי סאַפּיאַן און ציליי צוקערמאַן. אַרכיוו און ביבליאָטעק: נתן אַזאָלין. בריוו־פאַרוואַלטער: י. גאָלד. אַדרעסן־טייפּיסטין: עטל סיגעלניק.

אין דעם אַקטיוו פון קלוב באַטייליקן זיך די חברים: שרה ווינאַרסקי, שרה באַשע און חיים דאַרנאָ, אַנאַ און פּייוול לערנער, חבר י. פילד, ראָוז און לואיס

# רשימה פון ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע שבת־צונאַכטסן

## 38-טען זמן — 1963 - 1964

א) שבת אָונט, דעם 12טן אָקטאָבער איז דורכגעפירט געוואָרן די יערלעכע מיטגלידער פאַרזאַמלונג פון קולטור קלוב צו דערוויילן באַאַמטע, עקזעקוטיוו און אַקטיוו פאַר דעם 38טן זמן פון קולטור קלוב.

ב) שבת אָוו. אָקטאָבער 19—אָפיציעלע דערעפענונג פון 38טן זמן. באַטייליקטע: פייגעלע פאַניק, אַבראַהם זיגלבוים; סעמועל פיינסמיט, קלאַרנעטיסט; שענאַן געלסאָן, פּיאַנאָ; הערי לאַנג, באַגריסונג, און י. פרידלאַנד, מיט אַריינפיר־וואָרט צום 38טן זמן.

ג) שבת אָוו., אָקטאָבער 26—האָט דער שוישפּילער אַנאַטאָל ווינאָגראַדאָוו דורכגעפירט אַ ליט. קינסטלערישע פּראָגראַם (קליין־קונסט אָוונט). זאַכן פון אָסיפ דימאָוו און שלום עליכם פאָרגעבראַכט. שענאַן געלסאָן, פּיאַנאָ.

ד) שבת, דעם 2טן נאָוועמבער—אַן אַבראַהם רייזען געדענק־אָוונט. שמואל סיגאַל האָט רעפערירט וועגן אַבראַהם רייזען, זיין לעבן און שאַפן. אַניטאַ פריינדליך שעף האָט געזונגען רייזענס לידער. חיים אָסטראָווסקי האָט פאָרגעלייענט פון רייזענס זאַכן.

ה) שבת אָוונט, נאָוו. 9—האָט סערגעי נוטקעוויטש אָפּגעגעבן אַ באַריכט וועגן זיין רייזע איבער אייראָפּע און ישראל, מיט אילוסטרירטע קאָליר־בילדער.

ו) שבת אָוונט, נאָוו. 16—אַ ליטעראַטור אָוונט און וואָרט־קאָנצערט מיט דער שוישפּילערין ראָמאַ לעהרער קאַטש, און הערי לאַנג האָט רעפערירט וועגן יידישן בוך.

ז) שבת אָוונט, נאָוו. 23—אַ מעמאָריעל אָוונט נאָך פּרעזידענט דזשאָן קענעדי ע"ה. עס האָבן געמאַכט די הספדים, ת. ברייס און י. פרידלאַנד.

---

זעלמאַן, אהרן און גאָסי אייעראָף, מיני צוקערמאַן, מוסי פרידלאַנד, דאָרע לעווין, אַניוטאַ קאָפּעלאָף, טילי ברייס, א. קאַמינקער, ליובע ברייניך, מאַניע און מ. פאַרבער, ראָוז באַלאָט און מערי ליוואַק.

אָט־די אַלע דערמאָנטע חברים און חברות, פון קולטור קאָמיטעט, עקזעקוטיוו, פאַרוואַלטונג און דער אַקטיוו, האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם אַרבעטנדיקן אַפּאַראַט פון דער אַדמיניסטראַציע פון ל. א. יידישן קולטור קלוב פאַר דעם 38טן זמן פון 1963-64.

ווינטשן מיר זיי אַלעמען געזונט און געשטאַרקט זאָלן זיין זייערע הענט.

אַ באַזונדער באַגריסונג ווילן מיר דאָ איבערגעבן צו אונדזער חשובן חבר, דעם אַקטיוון קולטור־עסקן און רעקאָרדינג סעקרעטאַר, סעם לעווין, צו זיין 75 יאָריקן יובל. מיר ווינטשן אים און זיין ליבער פרוי דאָרע פיל געזונט און אריכת ימים.

דאָס אייגענע צו אונדזער פאַרוואַלטער, משה ווינאַרסקי, צו זיין 70 יאָריקן געבוירנטאָג. מיר ווינטשן אים מיט זיין ליבער פרוי שרה געזונט און אַ סך נחת.

**פאַרוואַלטונג ל. א. קולטור קלוב**

ח) שבת אָוונט, נאָוו. 30—אַן אָוונט פון יידישער נגינה מיט שמואל קעלעמער און פאַרלייענונג פון יעקב ניומאַן.

ט) שבת אָוונט, דעם 7טן דעצעמבער—ערשטער געדענק־אָוונט נאָך ה. לייוויק ע״ה. די דיכטערין מלכה טוזמאַן האָט רעפערירט וועגן ה. לייוויק. אַניטאַ פריינדליך־שעף איז אויפגעטראָטן מיט געזאַנג־נומערן פון לייוויקס לידער. שלום סאָלאָמאָן, פּיאַנאָ. י. פרידלאַנד, מיט אַריינפיר־וואָרט צו לייוויקס פערזענלעכקייט.

י) שבת אָוונט, דעצ. 14—חנוכה פייערונג. חזן נתן קאַצמאַן האָט דורכגעפירט אַ חנוכה פּראָגראַם מיט געזאַנג לויט נוסח חנוכה. ליליען קלעס, פּיאַנאָ. משה מאַנדלבוים, פאַרלייענונג פון שלום עליכם. ד״ר דוד ברידזשער האָט גערעדט וועגן יום־טוב חנוכה.

יא) שבת אָוונט, דעצ. 21—אָוונט לכבוד דער דערשיינונג פון יעקב זינגערס ניי בוך „דער יונגער דזשייקאָבס״. שמואל סיגאַל האָט פאַרגעלייענט; דוד ברידזשער האָט רעפערירט וועגן בוך. באַגריסונג פון פּע״ן קלוב—נח גאָלד־בערג; פון בוך־קאָמיטעט—יצחק סאַפּיאַן.

—— 1964 ——

יב) שבת אָוונט, דעם 4טן יאַנואַר—אַ קבלת־פּנים לכבוד אליהו טענענהאָלץ צו זיין צוריקקער פון ישראל. טענענהאָלץ האָט איבערגעגעבן אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע איינדרוקן פון זיין זיין דאָרטן, פון וועלכן דעם עולם האָט שטאַרק הנאה געהאַט.

יג) שבת אָוונט, יאַנואַר 11—איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אברהם ליעסין ליטעראַטור אָוונט. אליעזר דאָרין האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דער סאָציאַל־עטישער ירושה פון א. ליעסין; מלכה שאָו האָט געזונגען ליעסינס לידער. פאָרזיצער י. פרידלאַנד—מיט אַן אַריינפיר וועגן ליעסינען.

יד) שבת אָוונט, יאַנואַר 18—אַ חיים שויס געדענק־אָוונט, מיט דער באַטייליקונג פון ה. לאַנג, עמוס שויס, שמואל קעלעמער, רחל דייטש. י. סאַפּיאַן, פאָרזיצער.

טו) שבת אָוונט, יאַנואַר 25—פייערונג לכבוד דער יערלעכער אויסטיילונג פון ליטעראַטור פרעמיעס פון דעם י. פרידלאַנד פאָנד. אנטיילנעמער: זלמן זילבערצווייג, פאָרזיצער; ה. לאַנג, נח גאָלדבערג; מאַטעס דייטש, פרעמיר־טער; אליהו טענענהאָלץ, געלייענט שריפטלעכע באַגריסונגען פון א. קאַרפּי־נאָוויטש פון תל־אביב; באַגריסונגען פון קולטור קאָנגרעס און פון נ.י. פּע״ן קלוב. קאַנטאָר נתן קאַצמאַן האָט פאָרגעטראָגן אַ פּראָגראַם פון געזאַנג־לידער. שלום־וואָרט פון בעל־אַפּרעמיע.

טז) שבת אָוונט, דעם 1טן פעברואַר, איז אויפגעטראָטן מאַרטאַ צייטלין אין אַ געזאַנג־קאָנצערט פון יידישע און קלאַסישע קאָמפּאָזיציעס.

יז) שבת אָוונט, פעב. 8—אַ מאַני לייב געדענק אָוונט. מלכה טוזמאַן האָט רע־פערירט וועגן מאַני לייבס ליריק און זיינע שאַפונגען. שמואל קעלעמער האָט פאָרגעטראָגן אַ פּראָגראַם פון מאַני לייבס געזאַנגען. י. פרידלאַנד האָט געבראַכט ביבליאָגראַפישע שטריכן פון מאַני לייבס ווערק.

יח) שבת אָוונט, פעב. 15—רעפעראַט פון ד״ר חיים ראַטבלאַט וועגן דער קבוצה אין ליכט פון ליטעראַטור. דאָראַציע פּאָלאַק איז אויפגעטראָטן מיט אַ ציקל פאָלקס־לידער.

יט) שבת אָוונט, פעב. 22—אַ טראַדיציאָנעלער פּורים אָוונט. רבי ראָס האָט גערעדט וועגן יום־טוב פּורים. א. טענענהאָלץ האָט פאַרגעלייענט פון ש״ע. מלכה שאָו האָט געזונגען מיטן עולם פּורים־לידער.

כ) שבת אָוונט, פעב. 29—אַ קבלת פּנים לכבוד דעם שרייבער און לעקטאָר אַברהם שולמאַן. רעפערירט אויף דער טעמע: „הונדערט יאָר מאָדערנע יידישע ליטעראַטור״ (פון מענדעלע ביז באַשעוויס).

כא) שבת אָוונט, דעם 7טן מערץ—אַ יידיש־מוזיקאַלישער אָוונט לכבוד דעם חודש פון יידישן בוך. אַלבערט סטוירן, באַוואוסטער פידל־קינסטלער, אין יידישע קאָמפּאָזיציעס. אַנאַ דרוקער—געזאַנג פון יידישע פאָלקס־לידער.

כב) שבת אָוונט, מערץ 21—ד״ר דוד ברידזשער רעפערירט וועגן יידישן הומאָר. פידל־קינסטלער אדם האגאָרסקי—מיט יידישע און קלאַסישע קאָמפּאָזיציעס.

כג) שבת אָוונט, מערץ 28—2טע סדר־נאַכט: י. פרידלאַנד רעפערירט וועגן יום־טוב פסח אין ליכט פון מאָדערנער אויפפאַסונג. אליהו טענענהאָלץ האָט פאַרגעלייענט פון ש״ע. מלכה טוזמאַן האָט געזונגען סאָלאָס מיטן עולם.

כד) שבת אָוונט, 4טן אַפּריל—אַחרון של פסח. יצחק קאָלער האָט רעפערירט וועגן יום־טוב פסח אין ליכט פון טראַדיציאָנעלער אויפפאַסונג. מאָריס מייסאָן האָט פאַרגעלעגנט.

כה) שבת אָוונט, אַפּריל 11—האָט זלמן זילבערצוויג געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן ה. לייוויקס נייסטן און לעצטן בוך; רעדעס און עסייען. אין קינסט־לערישן טייל פון אָוונט האָט אַדאַם האגאָרסקי, פידל־קינסטלער, פאָרגע־טראָגן יידישע און העברעאישע קאָמפּאָזיציעס.

כו) שבת אָוו., אַפּריל 18—יום העצמאות פייערונג. רבי זעלדין און זיין פאָטער האָבן רעפערירט וועגן מדינת ישראל. י. שעכטער, אַ ישראלי, האָט פאָר־געטראָגן געזאַנג־נומערן און באַגלייט זיך אויף זיין אַקאָרדיאָן.

כז) שבת, אַפּריל 25—יערלעכער „ייווא״ אָוונט. פּראָפעסאָר משה ליבמאַן האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט איבער „חכמי אדעס״; אַברהם זיגלבוים האָט פאָר־געטראָגן רעציטאַציעס פון אונדזער דיכטונג.

כח) שבת, דעם 2טן מאַי—דורכגעפירט אַ גאָרדין טעאַטער־אָוונט; סצענעס פון „כאַשע די יתומה״; „גאָט, מענטש און טייוול״; „מירעלע אפרת״; רעזשי: אליהו טענענהאָלץ. דערעפענט מיט אַ רעפעראַט פון זלמן זילבערצוויג וועגן יעקב גאָרדין.

כט) שבת, מאַי 9—יערלעכער שלום־עליכם אָוונט. רעפעראַט פון ד״ר חיים ראַטבלאַט וועגן ש״ע. פאָרלייענונגען פון ש״ע׳ס ווערק פון אליהו טענענ־האָלץ; פיאַנאָ נומערן פון ליאָן קושעראָוו.

ל) שבת, מאַי 16—יערלעכער שבועות אָוונט. מלכה שאָו האָט געזונגען פאַסיקע פאַסיקע יום־טוב לידער. י. פ. האָט גערעדט וועגן יום־טוב און פאָרגעלייענט מגילת רות. שרה טייטלבוים און משה מאַנדלבוים האָבן פאָרגעטראָגן אַ

דיאַלאָג פון שלום עליכמ'ס „מילכיקס". אין פאַרבינדונג מיט דעם יום־טוב איז אויך אָפיציעל געעפנט געוואָרן די יערלעכע אַקציע פון קולטור קלוב. אַ באַריכט פון סעקר. א. שוואַרץ; אַריינפיר־וואָרט צו דער קאמפּאַניע פון פּרעזידענט; באַריכטן פון דער אַקציע פון סעם לעווין, סעקר., און סאפּיאַן, פּאַרזיצער פון קאַמפּיין.

לא) שבת אָונט, מאַי 23—איז דורכגעפירט געוואָרן אַ פייערלעכער קבלת־פּנים לכבוד דער דערשיינונג פון נח גאָלדבערגס נייעם בוך „ווילד־גראָז". עס עס האָבן אנטייל גענומען אין דער פּראָגראַם פון אָונט די פאָלגנדיקע: דער פּאַרזיצער פון דער פייערונג, י. פרידלאַנד, האָט איבערגעגעבן אַ לענגערע ביאָ־ביבליאָגראַפיע פון מחברס ווערק. עס האָבן באַגריסט: ז. בונין, סעקר. פון בוך־קאָמיטעט, און י. סאַפּיאַן, פּאַרזיצער פון קאָמ., האָט געלייענט בריוו און טעלעגראַמעס צום מחבר. ד"ר חיים ראָטבלאַט האָט אַנאַליזירט דאָס ווערק „ווילד־גראָז"; אַברהם זיגלבוים האָט פאָרגעלייענט דאָס ערשטע קאַפּיטל „כוליטאַ", און ס. נוטקעוויטש האָט איבערגעגעבן כאַראַקטעריס־טישע שטריכן פון די העלדן פון בוך. ס'איז אויך פאַרשפּרייט געוואָרן דאָס בוך צווישן עולם.

לב) שבת אָונט, מאַי 30—איז דורכגעפירט געוואָרן אַ כאָראַלער קאָנצערט פון בית־אל טעמפּל כאָר אונטער דער דירעקציע פון יצחק ריסקין און סאָלאָס געזאַנגען פון דעם באַקאַנטן מנגן נתן קאַצמאַן, מיט העברעאישע, ליטורגישע און יידישע פאָלקס־לידער, באַגלייט פון כאָר און פּיאַנאָ פון כאָר־דירעקטאָר יצחק ריסקין.

לג) שבת אָונט, דעם 6טן יוני — אַ ישראל־אָונט, מיט געסט פון ישראל: דער שריפטשטעלער צבי אייזנמאַן און זיין פרוי יהודית אייזנמאַן. עס האָבן אַנטייל גענומען: י. פרידלאַנד, פּאַרזיצער, מיט אַן אַריינפיר און ביבליאָ־גראַפיע פון אייזנמאַנען, יהודית אייזנמאַן; די דיכטערן מלכה טוזמאַן; צבי אייזנמאַן און דער שוישפּילער חיים אסטראָווסקי.

לד) שבת אָונט דעם 13טן יוני — אָפּשלוס־אָונט לכבוד דעם סיום הזמן פון 38סטן יאָר פון קולטור קלוב. אין פּראָגראַם האָבן אנטייל גענומען: אַלבערט סטוירן, פידל ווירטואָז; אליהו טענענהאָלץ; פייגעלע פּאַניטץ; און ביידע, פייגעלע און טענענהאָלץ — אין אַ דועט פון געבירטיקס לידער. דער פּאַר־זיצער פון אָונט, י. פרידלאַנד, האָט געגעבן אַן אַריינפיר וועגן די אויפגאַבן און צילן פון קולטור קלוב.

---

## רשימה פון באַטייליקטע אין קולטור־מאַנטיקן פון 38טן זמן 1963-64

מיט איינלייטונגען און רעפעראַטן איבער ליטעראַרישע, קולטור־געזעל־שאַפטלעכע פראַגן און פּראָבלעמען, אונטער דער לייטונג פון י. סאַפּיאַן און י. ראַשעל, זיינען אויפגעטראָטן:

שייע שאַכאַטאָוו, ליליען מייזנער, גוריאַן, ת. ברייס, קאָפּל גאָלד, משה סילבערט, בעסי ווייסמאַן, מ. יאַראָסלאַווסקי, י. גאָלד, י. ראַשעל, ראָוז באַלאָט און י. סאָקאָלאָוו.

# אַ דאַנק־וואָרט

די פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קולטור קלוב דריקט דאָ אויס אַ האַרציקן דאַנק און אנערקענונג צו די פאָלגענדע חברים און חברות, מיטגלידער און פריינט פון קולטור־קלוב, פאַר זייער באמת וואַרעמער קאָאָפּעראַציע אוןביישטייערונג. איר, ליבע פריינט, העלפט אונדז טיילוויז צו דעקן דעם דעפיציט פון יעדן סוף זמן וואָס דער קלוב האָט, און פאַרגרינגערט דעם עול פון אויפהאַלטן אונדזער אַלעמענס יידישן קולטור צענטער דאָ אין לאָס אַנגעלעס.

מיט דאַנק און קולטור גרוס,

**פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קולטור קלוב**

## ביישטייערונגען

$250.00

יוסף און גאָסי שפּיגעלמאַן

$100.00

בעטי און אַלעק קאַרסאָן
מאָריס און מאַניע פּאַרבער

$75.00

יוסף און דזשעני וויינמאַן

$70.00

יצחק און מוסי פרידלאַנד
חיים און שרה בתיה דאַרנאַ

$60.00

פּעי און יצחק סאַפּיאַן

$50.00

ראָוז און לואיס זעלמאַן
חבר הערי גאָלד
שלמה און צילע צוקערמאַן
מאָריס און שרה ווינאַרסקי
שמואל און ליובע ברייטין
חבר און חברה אייב ראָטבלאַט

$40.00

סאָפיע און הערי שטערנפעלד

$35.00

מערי און י. ליוואַק

$25.00

חברה חייקע באַנק
(אין אָנדענק פון מיין ליבן מאַן אברהם)
טילי און תנחום ברייס
אליהו טענענהאָלץ
בענא און סאול שפּיגלמאַן
דאָרע און סעם לעווין
אסתר און בען סאָלאָמאָן
יעקב און רעי קאַהאַן
שאַרלאָט און סעם שאַרף
מיני און אייב שוואַרץ
חבר טשאַרלי צוקערמאַן
חבר און חברה נידלמאַן
חברה פּעני לעווין
מייק און עטל רומאַק
פּרץ הירשביין צווייג 352 פאַרבאַנד
אהרן און גאָסי אייעראָף
חנה און פייוול לערנער
חברה מלכה רויזענבלאַט
חבר משה קאַפּלאַן

רעגינאַ סייד
(אין אנדענק פון מיין ליבן מאַן יוסף)
חבר און חברה סאול אדעס
מאיר און גאָלדע דראַזד
חבר און חברה הערי אַרעק
חברה ראָוז באַלאַט
יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
חבר און חברה י. גרינשפאַן

## $20.00

חבר און חברה מ. גאַלאַנטי

## $15.00

באַגריסונג פון אַ פריינד
חבר און חברה דוד ווינער
חבר מ. פיעלד
ה. רויזענבלאַט צוויג יי. נ. אַ. פּ.
חבר און חברה א. קאַמינקער
חבר און חברה ל. טאַובערט
חבר און חברה ד. שעראַגע
חבר און חברה בערנאַרד גינגאָלד
חברה מיני צוקערמאַן
(אין אנדענק פון מיין ליבן מאַן בען)
רחל און הערי שטראַסבערג

## $10.00

מאיר און מעי לעדערמאַן
ליובע און א. באַביטש
חבר און חברה מ. אדערבערג
חבר און חברה וו. בעלקין
חבר י. ראָזענבערג
חבר יונה ראָזאַנסקי
חבר און חברה ר. טעמפּער
יעטאַ און ז. בונין
בלומע און משה שטיינבערג
חיה און יצחק ניומאַן
חבר און חברה הערי אייבראַמס
חבר ווילי שאָר
חבר און חברה קערמיט בערמאַן
חבר סאָול שניידער
חברה שפּילערמאַן
חבר און חברה מ. סאָפּקין
חבר און חברה פּערלאָוו
חבר נתן אָזאָלין
חברה א. סקאַקאָווסקי
חברה אַניוטאַ קאָפּעלאָף

אסתר און יונה אַפּטייקער
חבר סעם שפּיגלמאַן
גאָסי און רפאל ראָזענשטיין
חבר און חברה ה. ראָבינסאָן
בן־גוריון צוויג יי.נ.אַ.פּ.
חבר און חברה ישראל פריינד
חבר און חברה שמואל פריד
אברהם ליעסין אַרב. רינג בראַנטש
מאָריס און רות דייטש
מאַניע און בען סאָפּקין
חברה מיני באָום
חברה שרה יאָפּע
נייטען פאָדעמבערג

## $5.00

חבר און חברה ש. בראודע
חברה שרה פאָגאָרעלסקי
חבר דזשיי. פּאָלאַטניק
חברה לאָראַ רעסלער
חבר יעקב רעימער
חברה דאָרע רובין
חבר און חברה ש. מירענסקי
חברה ראָוז באַרמאַק
חבר און חברה מ. סילבערט
חבר מ. ר. גרינפעלד
חברה עלאַ בוירנס
חברה גאָסי סאַרטאַ
רעגינאַ מאַנסאָן
חבר און חברה ח. ל. מילער
חברה מערי סטיין
חברה פנינה אָסמאַן
חברה גוירטרוד אַקאָווי
חברה סאָפיע שלעזינגער
חברה סאָפיע אַגראַן
חברה מיני ראַפּאַעל
חברה אסתר קוויטקאָ
חברה ראָוז טיליס
חבר און חברה גראַנדע
חבר און חברה יונה דרעל
חבר מאַקס ניימאַן
חבר סעם רובין
חברה בעלאַ פּערמאַן
חברה מערי גאָלדבלאַט
חיים דרייער
חבר און חברה פיליפ ברוידע
חבר שלמה זינגער

מיר שיקן די האַרציקסטע ברכות

צו דעם

# לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב

און ווינטשן אים נאָך גרעסערע דערגרייכונגען
צו זיין 38 יאָריקן עקזיסטענץ.

חבר און חברה

## יוסף שפּיגעלמאַן

דער יידישער נאַציאָנאַל פאָנד שיקט האַרציקע ברכות צו אַלע
יידן אין לאָס אַנדזשעלעס, פיל גליק, געזונט און שלום על ישראל
און על מדינת ישראל.

מילאָן ראָווען, פּרעזידענט
פרעד קאַהאַן עקזעקוטיוו דירעקטאָר

**JEWISH NATIONAL FUND**

5410 Wilshire Boulevard — Phone WEbster 7-0900

# באַגריסונגען

איך באַגריס דעם יידישן קולטור־קלוב צו זיין 38סטן סיום הזמן.

דער יידישער קולטור קלוב האָט געשפּילט אַ היסטאָרישע ראָל אינעם יידיש־ריידנדיקן סעקטאָר אין לאָס אַנדזשעלעס מיטן אויפהאַלטן אונדזערע קולטור־ווערטן אין דער יידישער שפּראַך.

ס'איז אַ שווערע און קאָלאָסאַלע אַרבעט, וואָך־איין וואָך־אויס, איינצואָרדענען קולטור אונטערנעמונגען וואָס זאָלן אַרויסרופן אַ וואַרעמען אָפּרוף און הונדערטער יידן זאָלן קומען הערן אַ לעקציע, קאָנצערט און רעציטאַציע פון אונדזערע אָנגעזאַמלטע קולטור אוצרות.

ווינטש איך די אָנפירנדיקע חברים פון יידישן קולטור קלוב אַריכת ימים זיי זאָלן קענען ווייטער פאָרזעצן זייער פּרוכטבאַרע קולטור־אַרבעט.

**יעקב און רעי קאַהאַן**

חשובער פריינד י. פרידלאַנד:

מיט פרייד שיק איך אייך דערמיט מייןביישטייער צום קולטור קלוב אַקציע. איך ווינטש אַז אייער מי זאָל זיין דערפאָלגרייך און איר זאָלט זיין געזונט.

מיט בעסטע וואונטשן צו אייך און אייער פרוי —

**הערי און סאָפי שטערנפעלד**

**אונדזער האַרציקע באַגריסונג** צום אָנהייב פון 39סטן זמן פון ל. א. יידישן קולטור קלוב.

**סעם און שאַרלאָט שאַרף**

---

## באַגריסונג פון דוד בן־גוריון צווייג 933 פאַרבאַנד

נעמט צו אונדזער וואַרעמע באַגריסונג צום 39סטן זמן פון קולטור קלוב. מיט וואונטשן פאַר ווייטערע דערפאָלגן:

**פרענק סטיין**, פּרעזידענט

**דזשעק בעקער** פינ. סעקר. **רעי קאַהאַן**, רעק. סעקר.

---

## יידישע טעגלעכע ראַדיאָ

**זונטיק אינדערפרי — פון 10:30 ביז 12**

**DIAL KALI — 1430 KC.**

**זלמן זילבערצווייג** **ציליע סילווער**

## באַגריסונג צום 38 יאָריקן יובל פון ל.א. יידישן קולטור קלוב

### פּרץ הירשביין צווייג 352 יידיש נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד

האָט הײַ־יאָר געפייערט דעם 25סטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ און דעם 60 יאָריקן יובל פון מאָריס דייטש. במשך די אַלע יאָרן האָט דער צווייג צוגעטראָגן אַ גרויסן חלק פון געלט־זאַמלונג פאַר דעם נאַציאָנאַל־פאָנד און הסתדרות קאַמפּיין, ישראל באָנדס, וועלפעיר פאָנד און אַנדערע.

אויף דעם געזעלשאַפטלעכן און פראַטערנאַלן געביט קאָנען מיר אָנווייזן די רעגולערע פאַרזאַמלונגען יעדן חודש, מיט פּראָגראַמען אויף אַ הויכן ניוואָ. אויך דער הילפס־פאָנד פונקציאָנירט אין גוטער אָרדענונג. אויף דעם קולטורעלן געביט שטייט דער הירשביין צווייג אויף אַ גאָר הויכער פּאָזיציע: אַלע ימים־טובים ווערן געפייערט; לעקציעס איבער וויכטיקע טעמעס, אויך פאַרלייענונגען און מוזיקאַלישע נומערן ווערן אַדורכגעפירט.

ווי איר זעט, טוען מיר כמעט די אייגענע קולטור־אַרבעט, וואָס עס טוט אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב. מיר זיינען שטאָלץ וואָס עס געפינען זיך צווישן אייערע מיטגלידער אַ גרויסע צאָל חברים פון אונדזער צווייג. זייט געגריסט!

מאָריס דייטש, פּרעזידענט — יצחק ניומאַן, סעקרעטאַר

**ART PRINTING SERVICE**

228 West Fourth Street — Los Angeles 13, Calif.

**AMERICAN ENVELOPE MFG. CO.**

3401 East Pico Boulevard
Los Angeles, Calif.

### לזכרון

פון אונדזערע מיטגלידער נפטרים ע"ה

תש"ך - תשכ"ג:

יוסף פייד
מרדכי פאָגאָרעלסקי
משה לייב קאָפּעלאָף
בען צוקערמאַן
אברהם באַנק

*GREETINGS FROM*

**SAM & HELEN LEVINE**

**SIERRA SPECIALTY CO.**

617 N. La Brea Ave.

**GUENTHERS MURRIETTA**

**HOT SPRINGS**

MURRIETA, CALIFORNIA

MODERATE RATES — AMERICAN PLAN

*Special four-day rates for Sunday and Monday arrivals*

Dial 714-677 for Information and Reservation

Greetings from the

**HAVEN-LY BAKERY**

Warm Greetings

**FROM A FRIEND**

*WARM GREETINGS FROM*

**CHARLES ZUCKERMAN**

# The Los Angeles Yiddish Culture Club

THIRTY EIGHT years tago, a very small group of individuals conceived the idea of a Yiddish Culture Club, free of any party affiliations, and as a result thereof we have today a wonderful clubhouse, a rich library, an auditorium housing comfortably about three hundred members and guests, attending weekly programs in which entertainment is rendered every Saturday evening, as well as weekly lectures every Monday.

Our main spiritual achievement are indeed the hundreds of literary and musical events year in and year out, making the Yiddish language a living link in the life of our Jewish community.

We are, as from inception, a non-political body, and our entire efforts are still concentrated upon educational and spiritual values in Yiddish life.

The Cultural Committee is always selected from the most competent and devoted members of the Club, and is responsible for the arranging of a literary and musical event from the best available talent, for almost every Saturday evening. Guest artists and writers, who are able to present their talents in Yiddish, are always welcomed and introduced to the entire membership and guests.

The officers of the L. A. Yiddish Culture Club are as follows: I. Friedland, president (for the past 24 years); E. Tenenholtz, vice-president; Abe Schwartz, financial secretary; Sam Levin, recording serretary; I. Livac, treasurer; S. Brainin, Sam Zuckerman and Morris winarsky, finance committee; Fay Safian, house manager; I. Gold, mail manager; N. Azolin, librarian.

We are approaching our thirty-ninth year with confidence in our striving to make a real contribution to a more vigorous, more interesting life for its members.

LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB
4213 Monroe Street, Los Angeles 29, California
ABE SCHWARTZ, *Secretary*

# "HESHBON"

*Review of Literary and Cultural Activities*


QUARTERLY PUBLICATION

*of the*

LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

*and*

L. A. WRITERS GROUP

I. FRIEDLAND, *Editor*

4375 SUNSET DRIVE • LOS ANGELES 27, CALIF.

SEPTEMBER, 1964


Los Angeles

Yiddish Culture Club

*Thirty Eighth Anniversary*

*1926* • *1964*